STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06719

BITOHN

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גיציס

בטחון

דראַמע

פאַרלאַג מ. צעשינסקי
שיקאגא : : : 1939

ביכער פון מ. גיציס:

„גלאָקן״ (1926)

„גאָוועלן״ (1932)

„די זון אין מזרח״ (1936)

„בטחון״ (1939)

M. CESHINSKY, Publisher
2720 West Division Street — — Chicago, Illinois

Copyright 1939, by M. GHITZIS
909 Independence Blvd. — Chicago, Illinois

Printed by GLOBUS PRINTING CORPORATION
1744 North Damen Avenue — — Chicago, Illinois

צייכנונגען פון מ. גיציס

בטחון

אין שול. די ווענט פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע, לאַנגע פּאַרטיערן. אינמיטן פון דער מזרח וואַנט אַן ארון־קודש. באַ די זייטיקע ווענט עטלעכע בענק און סטענדערס. ס׳איז טונקעל. נאָר איין בלויל עכער ליכט פּאַס פאַלט פון אויבן. שלמה און ישראל זיצן אויף אַ באַנק, מעדי־טירן. אפרים שטייט באַם ארון־קודש, זאָגט שטיל זיין תפילה. זיי טראָגן לאַנגע שוואַרצע קליידער מיט געלע לאַטעס אויף דער ברוסט.

אפרים: קדוש . . . קדוש . . . קדוש . . . : זאָל דאָס הייליקע, דאָס געטלעכע אין מיר, אין מיין פאָלק און אין דער מענטשהייט אויפלויכטן אין פרייהייט, ווי עס לייכט אויף די זון אין פינצטערניש, זאָל דאָס גייס־טיקע אויסשטראַלן דעם גנאַד איבער דער ערד, און מענטש זאָל זיך דערנענטערן צו מענטש מיט אַ ריינעם האַרץ, מיט ליבע און פאַרשטענדעניש. אמן . . .

שלמה און ישראל: אמן . . . אמן . . .

אפרים בלייבט אויף אַ ווייל ע שטיין מיט אַן אנגע־בויגענעם קאָפּ און גייט לאַנגזאַם ארויס).

ישראל: ס׳איז גוט אַזוי . . . זאָגן יעדן טאָג אַן אייגענע תפילה פון האַרצן, ווי דער רבי יהודה האָט גע־הייסן, אין דער פאַרטיפונג, אין דעם מאָמענט פון אויס־גיסן דעם וואונש אין ווערטער, דערנענטערן מיר זיך, ווירקלעך, צום הייליקן גייסט. יעדן טאָג אַזוי — און

עס ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער פּלאַץ פאַר שנאה און צווייפל. לײדער באַנעמען נאָך ניט אַלע זיין לערע, דעם זין און תמצית פון באַהעפטונג אין אייגענער, פאַרטראַכטער תפילה.

ש ל מ ה : איך באַנעם עס יא, און דאָך קען איך ניט אַרויסברענגען די תפילה מיינע מיט ווערטער. איך בלייב שטיין ווי אַ זינגער וואָס וויל זינגען און האָט פאַרלוירן די שטימע.

י ש ר א ל : אָבער דיין נשמה זינגט דאָך ?

ש ל מ ה : זי זינגט.

י ש ר א ל : נו, דאָס וויל דאָך די הייליקייט. דאָס וויל דאָך דער רבי יהודה — אַז ס'זאָל זינגען אין האַרצן די ליבע צום אַלמעכטיקן דורך דער ליבע צו דער מענטשהייט.

ש ל מ ה : דער רבי האָט זיך שוין דריי טעג ניט געוויזן אין שול. אפרים האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אים געזען אין זיין קאַבינעט זיצן אַ פאַרשטאַרצטן, אַ פאַרטראַכטן . . . און נאָר די אויגען זיינע האָבן געברענט מיט אַ וואונדערלעך־מיסטישן פייער, ווי אין באַהעפטונג מיט גאָטהייט.

י ש ר א ל : און מיט וויסן. ניט אומזיסט איז ער דאָך פאַרעכנט געוואָרן אין דער וועלט, אַלס דער גרעסטער וויסנשאַפטלער, דער גרעסטער דענקער און גאון. און . . . אפשר האָט די מיסטישע ליכט אין זיינע אויגן געענערט זיך און געברענט מיט דעם אומגעהויערן צער, וואָס ער טראָגט אין זיך. עס קומען נייע גזרות, האָב איך געהערט . . .

ש ל מ ה : נייע גזרות ? וואָס נאָך ? וואָס נאָך ? איז דען נאָך פאַראַן אַ גרויזאַמערע געטאָ אויף דעם ערד־קוגל פאַר אונדז ? אָט דאָ אויף דעם אינזל זיינען מיר דאָך אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט . . . עס איז דאָך ניט אַ געטאָ אין אַ שטאָט, אָדער אפילו אין

אַ לאַנד . . . עס איז דאָך אַ וועלט־געטאָ. אַ גאַנץ פאָלק אָפּגעטיילט, פאַרשפּאַרט אויף אַ אינזל, אַרומגערינגלט מיט טיפע וואַסערן פון אַן אקעאַן, באַוואַכט פון שיפן, ווי אַ תפיסה. און וואָס האָבן מיר ? וואָס פאַרמאָגן מיר ? דער גאַנצער זין און אינהאַלט אונדזוערער איז אַט דאָ אין דער איין און איינציקער שול אויפן באַרג. און נאָר דער נדר צו טראָגן די געלע לאַטע ביז באַפרייאונג, דערמאָנט אונדז נאָך אין אונדזערן בטחון.

י ש ר א ל : דער וועג צו גאָטהייט איז באַ יעדן איינעם אין האַרצן, שלמה. יעדער שטיקל ערד איז פאַר אונדז אַ שול, ווייל אַ יעדער איינער פון אונדז טראָגט מיט זיך זיין תפילה. די געטאָ אויף דעם אינזל, וואוהין די פעלקער האָבן אונדז פאַרטריבן איז נאָר אַ געטאָ פאַר דעם גוף, ווייל אפילו צווישן שמאָלסטע ווענט קאָן מען ניט פאַרשפאַרן די נשמה, וואָס וויל באַהעפטן זיך מיט דעם גייסטיקן.

ש ל מ ה : ניין, ישראל. ס׳איז נאָר דער פרייער גוף און דער פרייער גייסט, וואָס גיט אַרויס דעם געטלעכן אַקאָרד. אַ פאַרשקלאַפטער גוף,—איז אַ פידל אָן סטרונעס. צעשפּרייט די פליגל, — זינגט דאָס האַרץ. לאָז דיינע בליקן אַ גלעט טאָן אַ וויטן גרינעם ברעג, וועט יעדער טראָפּן בלוט אין דיר רעדן צו דיר. לאָז די פליגל פון דעם פלי־מאַשין פאַרטשעפּען די וואָלקנס, וועט דיין האַרץ זינגען און זשומען העכער פון די מאָטאָרן. ס׳איז גוף און גייסט, וואָס זינגט שירה, און ניט גוף אַליין, און ניט גייסט אַליין. און דאָ, דא איז אי דער גוף, אי דער גייסט אין גלות. ס׳איז די לעצטע געטאָ, דער לעצטער וועג צום אונטערגאַנג.

י ש ר א ל : צווייפל איז דער שפּאַן, וואָס דערנענטערט צום אונטערגאַנג.

ש ל מ ה : וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. זעסט דאָך די וועלט גייט זיך אָן אונדז.

י ש ר א ל : און אָן גאָט. גאָטס געטאָ איז אויך דאָ מיט אונדז. ער איז אויך אין גלות — אַ גוטער שותף. וואו נאָך קאָנסטו אים איצט געפינען ? גלויבסטו, אַז גאָט מאַכט אויך דעם שפּאַן פון צווייפל צו אונטערגאַנג ? ניין, מיין פריינד . . . אונדזער גייסט איז אונדזער נר תמיד . . .

ש ל מ ה : זעסטו דאָך . . . דער נר תמיד צאַנקט . . .

י ש ר א ל : אַ נייער דור אָדער צוויי און אפילו דריי, זיינען נאָר צווייגעלעך אויף דעם מעכטיקן אַלטן שטאַם פון דער וועלט. דער וואָרצל פון געטלעכקייט איז דאָך פאַראַן. און זאָל אפילו בלייבן בלויז איין עקזעמ־פּלאַר פון די כתבים, וואָס רעדן מיט דער שפּראַך פון גאָטהייט, וועט עס אויך זיין די זריעה פאַר אַ נייעם אַקער, פאַר אַ נייעם שניט.

ש ל מ ה : דו האָסט גלויבן.

י ש ר א ל : איך האָב.

ש ל מ ה : און דער רבי יהודה ? גלויבסטו, אַז ער האָט נאָך אויך בטחון ? גלויבסטו, אַז ער האָט אים ניט פאַרלוירן ? ער איז געוואָרן עפּעס אַזאַ מאָדנער, לעצטנס. ניט צו דערקאָנען אים.

י ש ר א ל : ווער נאָך, ווי ער היט אַזוי דעם לעצטן פונק ?

ש ל מ ה : די לאַסט איז דאָך אָבער אַזוי שווער אויף זיינע אַקסלען, זיין גוף איז אָפּגעצערט, זיין גייסט אין ראַנגלעניש טאָג און נאַכט . . . און דער צער . . .

י ש ר א ל : זי העלפט אים טראָגן די לאַסט.

ש ל מ ה : זי ? שרה ?

י ש ר א ל : יאָ, שרה. די באַגלייטערן זיינע.

(שלמה הויבט זיך אויף)

ש ל מ ה : נו, לאָמיר גיין.

י ש ר א ל : יאָ, לאָמיר גיין. אַך, אַך, אַך . . . עס

ציען זיך ריטשקעלעך, און טייכעלעך, און טעכער אַלע און די ים׳ען און פון די ים׳ען — און אַזוי זיינען אויך רייד, די זעלבע בערג, די זעלבע האָפנונגען. יעדע שעה, יעדער טאָג אין לעבן — פון אייביק אויף אייביק.

(גייט צו צום ארון קודש. בלייבט שטיין אַ ווײַלע פאַר־טראַכט. זאָגט שטיל)

א, אומשטערבלעכער און געטלעכער פונק אין מיר און אין מיין פאָלק! פלאַקער אויף אין אונדז מיט אַ פלאַם אַ מעכטיקן, פלאַקער אויף אין אונדז אַזוי, אַז אַלע הער־צער אונדזערע, אַנגעצונדענע אין גלויבן און אין ליבע זאָלן אויפלויכטן ווי איין גרויס האַרץ פון דער וועלט ווי אַ נייע זון, וואָס זאָל אַרויספירן די מענטשהייט אויף אַ ברייטן, אויף אַ פרייען וועג . . . אמן . . . אמן . . .

(גייען ביידע אַרויס)

עס ווערט טונקעלער. שטילע טענער ווי פון ווייטע ווייטן דרינגען אַריין און גיסן זיך אויס אין אַ מיסטישער מעלאָדיע. עס עפנט זיך שטיל אַ זייטיקע טיר און אויף די טרעפּ באַווייזט זיך רבי יהודה. הויך, אסקעטיש, אין שוואַרצן. דאָס פּנים גלאַט געגאָלט. די האָר ווייס, געדיכט און צעשויבערט. די אויגן, ברענענדיק מיט סוד. שטייט אַ ווײַלע אויף די טרעפּ פאַרטראַכט. מאַכט אַפּאָר שפּאַן צום ארון קודש. בלייבט שטיין, ווי פאַרשטיינערט. צע־נעמט פלוצים האַסטיק דעם פרוכת און עפנט דעם ארון קודש.

י ה ו ד ה : גאָט! אַלמעכטיקער גייסט פון אַלדאָס גוטס און אַלדאָס שלעכטס. הער צו צו מיינע רייד. איך, דער טראָפּן פון דיין אומענדלעכער באַפרוכטונג בצלם אלהים, איך, דער אָפּגעריסענער קלאַנג פון דעם קדוש... קדוש... קדוש... אין דער וועלט, — איך רעד איצט צו דיר פון די טיפסטע טיפענישן פון מיין געביין. כ׳האָב דיך געפאָלגט, אַלמעכטיקער, און בין געגאַנגען אויף די וועגן, אויף וועלכע דו האָסט מיך געפירט. איך האָב גע־

געטראָגן די שווערע קלינגענדיקע קייטן. געבענטשט די בייטשן, מיט וועלכע דו האָסט געשניטן פּאַסן פון מיין לייב. געקושט די הענט דיינע — מיליאָנען הענט אויף די קערפּערס פון רשעים. געשלונגען דיינע ווערטער — קוילן ברענענדיקע אין מויל. געלאָזט פאַרטראָגן זיך, ווי זריעה מיטן שטורמווינט אַהערצו אויף דעם אינזל פון בטחון. איצט איז נאָך פאַרבליבן בא מיר דער לעצטער פונק, דער איין און איינציקער פונק פון גלויבן אין דיין גערעכטיקייט, און אין נאָמען פון אָט דעם פונק פאָדער איך — אָנטפּלעק פאַר מיר דעם סוף. ווייז מיר דעם סוף פון מיין וועג! ווייז מיר דעם אָפּגרונט צו וועלכן דו פירסט, וועל איך אַליין אַ שפּרונג טאָן. לאָז מיך שטאַרבן בנשיקה, מיטן קוש פון דיינע ליפּן, ווי משה איז געשטאָרבן, ווען דו האָסט אים געפירט צום באַרג און געוויזן דאס צוגעזאָגטע לאַנד, — לאָז מיך אָבער ניט פאַרבלייבן דער אייביקער וואַנדערער, מיט דער קללה אויף מיין קאָפּ. גיב מיר גענוג פאַרשטאנד צו דערזען דיין אמתע צורה, צו דערקאנען דיך — גיב מיר אַ צייכן, אדני, אלהים . . . — איך וואַרט.

(שטייט מיט צעשפּרייטע הענט. די פינצטערניש ווערט געדיכטער. בלויז פון אויבן ציט זיך דער פּאַס ליכט, צאַרט אין זיין בלוילעכקייט. די שטילקייט אַרום דריקט. עס דערהערט זיך פלוצים יהודה׳ס געלעכטער. און פונקט אַזוי פלוצים ווערט זיין געלעכטער אָפּגעהאַקט. ער פאַר־ציט דעם פּרוכת, גייט שנעל אַוועק פון ארון קודש אין אַ ווינקל און בלייבט שטיין פאַרשטאַרצט ווי אין אַ טראַנס. עס עפנט זיך די טיר און אַ מאַן קומט אַריין. בלייבט שטיין באַ דער טיר מיט דרך ארץ. קוקט אויף יהודהן או שווייגט).

יהודה: (באַמערקט אים) **קום נענטער, פריינט. קום נענטער . . .**

דער מאַן: (דערנענטערט זיך) איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדן, רבי . . .

יהודה: רעד. זאָג, וואָס ס'איז אויפן האַרצן. ניט איך און ניט דו דאַרפן מער באַהאַלטן אונדזערע מחש־בות. אַלע דאָ האָבן מיר איין האַרץ, איין גלויבן און איין וועג. מעגסט מיר זאָגן אַלעס, ווי אין ווידוי . . .

דער מאַן: איך וועל זאָגן, רבי . . . ס'איז ער, וואָס וואַרפט אויף מיר די מורא.

יהודה: ווער — ער?

דער מאַן: איך ווייס ניט ווער. איך זע ניט זיין צורה, איך הער אָבער זיין קול.

יהודה: און וואָס זאָגט ער?

דער מאַן: יעדע נאַכט רעדט ער צו מיר און איך הער אים זאָגן: גיי צום רבין און פאָדער דערלייזונג... פאָדער דערלייזונג . . .

יהודה: איך ווייס . . . איך ווייס . . .

דער מאַן: איר ווייסט, רבי?

יהודה: איך ווייס. דו ביזט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וואָס הערט זיין קויל און וואָס קומט צו מיר פאָדערן דערלייזונג. אַלע וועט איר קומען. אַלע. און נאָר דאַן וועט קומען די דערלייזונג, ווען ער וועט קומען צו מיר, און רעדן צו מיר און וועט פאַר מיר אַנטפּלעקן דעם סוד.

דער מאַן: דעם סוד?

יהודה: דעם סוד.

דער מאַן: און דאַן, רבי?

יהודה: דאַן וועל איך דיך רופן.

דער מאַן: איך וועל קומען, רבי . . . איך וועל קומען . . .

יהודה: גוט אַזוי . . . גוט . . .

(דער מאַן גייט צו פּאַמעלעך צום ארון־קודש. לייגט צו

די הענט צום האָרץ. שטייט אַזוי אַ ווײַלע אין געבעט און לאָזט זיך גיין צו דער טיר)

דער מאַן: (בא דער טיר שוין) מיט בטחון, רבי...

יהודה: (שטיל) מיט בטחון...

(דער מאַן גייט אַרויס)

יהודה: דאָס קול... דאָס קול... זיין קראַפט ווערט שטאַרקער און מעכטיקער... און אַזוי וועט אויך ווערן זייער גלויבן אין מיר. און מיט דער קראַפט, וואָס וועט פירן מיך, וועל איך פירן זיי.

(עס קומט ווידער אַריין ישראל. דערזעענדיק יהודהן, בלייבט ער שטיין בא דער טיר)

יהודה: קום נענטער... וואָס שטייסטו בא דער טיר, ישראל?

ישראל: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר קומט מיר אַנטקעגן, רבי... אַזוי הויך און מעכטיג, ווי אַ באַרג.

יהודה: האַלוציניאַציעס... האַלוציניאַציעס, ישראל. דו זעסט געשטאַלטן, און אַנדערע הערן אַ קול, וואָס רופט. דו הערסט ניט קיין קול, ישראל?

ישראל: איך הער אויך, רבי.

יהודה: וואָס זאָגט עס דיר?

ישראל: דאָס קול איז אייער קול... און דאָך אַזוי פרעמד. עס רופט צו אייך, אָבער...

יהודה: אָבער וואָס... זאָג.

ישראל: איך האָב מורא פאַר דעם קול.

יהודה: דו אויך — מורא?

ישראל: יאָ. עס רעדט פון דערלייזונג, אָבער דער דמיון גייט ניט אויף אין מיר, ווי אַ ליכטיקע שיין. דער דמיון גייט אויף מיר, ווי אַ טונקעלער באַרג, אַט

אַזוי, ווי איך האָב אייך געזען אַנטקעגן קומען, ווען איך האָב געעפנט די טיר. מיין האַרץ איז אָפן, רבי. איך קאָן עס ניט פאַרבאָרגן. עס דריקט מיך עפּעס אַ מורא. איך ווייס אָבער און פיל, אַז איך האָב אין זיך דעם פונק פון בטחון און איך היט אים שטאַרק, ווי איר האָט מיך גע־לערנט.

י ה ו ד ה: ווי איך האָב דיך געלערנט . . .

י ש ר א ל: און מיטן כח פון מיין גלויבן וועל איך פאַרטרייבן די שרעק.

י ה ו ד ה: די שרעק, די שרעק . . .

י ש ר א ל: איז פאַראַן עפּעס אַ שטראַל, רבי? זעט איר עפּעס אַ שטראַל?

י ה ו ד ה: יאָ, עס איז פאַראַן און איך זע . . .

י ש ר א ל: רבי . . .

י ה ו ד ה: יאָ, עס איז פאַראַן . . . איך ווייס אָבער נאָך ניט דעם טיפסטן סוד. ער איז פאַראַן דער שטראַל, ישראל,—ער קומט אָבער ניט פון דער ליכטיקער זייט. ער קומט פון דער פינצטערניש. עס איז דער שטראַל פון דער טמא. און עס איז אפשר דאָס קול פון דער טמא, וואָס שרעקט אייך אַזוי. עס שרעקט מיך אויך. איך רעד צו דער גאָטהייט, און זע דעם שוואַרצן טיפן אָפּגרונט. איך לערן אייך תפילה טאָן, און אַליין מאַך איך יעדן טאָג אַ שפּאַן אַלץ נענטער און נענטער צום ברעג. דער מענטשלעכער גייסט, ישראל, אפילו מיינער, וואָס נערט זיך מיטן כח פון אייער גלויבן, איז ווי אַ ים פון עטערי־שע כוואַליעס. און, ווען דו וואַרפסט אַריין אַ שטיין אין אים, טרייבט איין כוואַליע די צווייטע אין קרייזן, ביז צום ראַנד פון משוגעת. און ווען מיר לאָזן אונדזער טי־פערן „איך" אריינקוקן אין דעם פסיכישן ים דערזעען מיר אונדזער צורה אַ פאַרענדערטע, אַ משונהדיקע, אַ שרעקנדיקע, אַ טייוולשע . . . און דערפאַר די האַלוצי־נאַציעס, און דערפאַר דאָס קול וואָס שרעקט. זעסטו

דען ניט די פֿאַרענדערונג אויף אין מיר, ישראל? אין מיר — — אייער פירער . . .

ישראל: איך זע, רבי . . .

יהודה: אַ שוואַרצער טונקעלער באַרג . .

ישראל: יאָ, רבי . . .

יהודה: דו הערסט ניט דאָס קול, ישראל? ער רעדט איצט . . . הערסט ניט?

ישראל: ניין, רבי, איך הער ניט.

יהודה: דו קאָנסט ניט הערן. ער רעדט איצט בלויז צו מיר. גיי — לאָז מיך אַליין. איך פיל ער קומט. גיי —

(ישראל גייט אַ טרויעריקער ארויס. יהודה הויבט זיך אויף. בלייבט שטיין מיט אַן אויסדרוק פון פורכט אויף דעם פנים. די אויגן געווענדעט צו דער טיר.

עס באַווייזט זיך דער פרעמדער אין אַ שוואַרצן מל־בוש, אָבער אָן דער געלער לאַטע. זיין קוק — דרייסט און קלוג. אַ קוים באַמערקטער שמייכל אויף די ליפּן. דער פרעמדער און יהודה קוקן איינער אויף דעם צווייטן, שווייגנדיק).

דער פרעמדער: רבי יהודה . . .

יהודה: כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. געפילט — דו קומסט.

דער פרעמדער: מענטאלע טעלעפּאַטיע, כע־כע . . .

יהודה: דיין פנים איז מיר באַקאַנט. איך ווייס אָבער ניט, צו האָב איך דיך געזען אין חלום, צו גאָר אין דעם געשטאַלט פון . . . די דאָזיקע, וואָס האָבן מיך פֿאַר־טריבן אַהערצו אויף דעם אינדזל.

דער פרעמדער: כע־כע —

יהודה: טראַכטנדיק וועגן דיר, פלעג איך דיך שטענדיק זען אַלס שונא.

דער פרעמדער: דו טראַגסט זיך נאָך אַלץ

אַרום מיט דיין „אתה בחרתנו" קאמפּלעקס? מיט וואָס ביסטו ערגער אָדער בעסער פון אַנדערע? מיינסט, אַז ס'איז בא מיר אַ קאַפּריז אַזאַ צו זיין בלויז דיין, ווי דו רופסט עס „שונא"?

י ה ו ד ה: איך ווייס, אַז עס איז ביי דיר ניט קיין קאַפּריז. ס'איז אָבער ניטאָ באַ דיר דאָס ראַציאָנאַל־גייס־טיקע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: גערעכט, יהודה, גערעכט. איך האָס דאָס ראַציאָנאַל־גייסטיקע, ווייל עס איז אַ מי־זעראַבעלע, אימפּאָטענטע אויסטראַכטעניש. דאָס ראַציאָ־נאַל־מעכאַנישע אָבער — איז אַ קראַפט. עס דינט מיר. מיט דעם ראַציאָנאַל מעכאַנישן האָב איך באַשאַפן די ציוויליזאַציע, וואָס דינט מיר אויך. איך, און נאָר איך, האָב געלערנט דעם מענטשן צו מאַכן די פייל און דעם בויגן. איך, און נאָר איך, האָב אים געלערנט צו מאַכן די שווערד, און די ביקס, און דעם פּולווער, און די פלי מאַ־שין, און די ראַדיאָ. און ווי דערפאָלגרייך איך בין, זעסטו דאָך. די וועלט איז פול מיט דעם און נאָר דאָס ראַציאָנאַל מעכאַנישע באַהערשט איצט די וועלט. דאָס ראַציאָנאַל גייסטיקע — — בע! ס'איז דער חלום, וואָס דו קאָנסט ניט אַנטאָפן מיט די הענט. ס'איז אַ רויך, וואָס ציט אַרויף, אַרויף . . . אָן ציל. דו ווייסט עס זייער גוט, מענטש. דו אַליין האָסט דאָך אויך באַ מיר געלערנט, כאָטש האָסט ניט געוואוסט, אַז דאָס בין איך דער לערער. דו וואָלסט נאָך אַלץ געטראָגן די ששת־ימי־בראשיתדיקע פייגן־בלעטער, ווען דו פאָלגסט דעם וועמעס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען. איך, אין דעם געשטאַלט פון דעם נחש־הקדמוני האָב געעפנט דיינע אויגן. באַ אים איז די וועלט אויף דעם זעקסטן טאָג געווען פאַרענדיקט, — באַ מיר איז עס ערשט אינדערמיט. עס וועלן נאָך פאַרגאָסן ווערן ימ'ען בלוט, יהודה. און אויב דו מיט דיין פאָלק וועט דאַרפן אומקומען אין דער אַגאָניע פון באַשאַף, וועט עס אויבעט ווערט זיין.

י ה ו ד ה : און צוליב דעם האָסטו איצט געלאָזט דערפילן זיך און דערקאַנגען זיך צו מיר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : אין דעם באַשטייט דער סוד. נאָר אין דער פּאַרצווייפלונג פון דיין גייסטיקייט האָסטו זיך שטענדיק דערנענטערט צו מיר. האָב איך דיך געבראַכט אַהערצו און האָב גערעדט צו דיר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָט דאָ בא דעם סימבאָל פון דיין גייסטיקייט; איך האָב גערעדט צו יעדן איינעם אויפן אינזל, און געלאָקט זיי מיט מיראַזשן פון פאַרניכטונג און זעלבסטפאַרניכטונג. קומען זיי דאָך איצט צו דיר און פאָדערן די דערלייזונג, פאָדערן דאָס, וואָס דו און טויזנטער פאַר דיר האָבן צוגעזאָגט צו ברענגען און האָבן ניט געבראַכט. האָסט געהערט מיינע רייד פון מיר צו דיר, און מיינע רייד צו דיר דורך זיי; און דער הימל אַרום איז שוואַרץ, און דיכוואַליעס פון פאַרצווייפלונג — נאָך שוואַרצער; און די זון גייט ניט אויף און וועט ניט אויפגיין; און ער, צו וועמען דו און דאָס פאָלק טוען תפילה יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט, — ער שוויגט. איז איצט געוועזן די צייט צו קומען. דורך דיר און דורך דיין פאָלק אויפרייסן דעם לעצטן פונק פון זין אין דער גייסטיקייט. און אין דעם כאַאָס פון וואַהנזין אויספּורעמען דעם איבערמענטש פון ראַציאָנאַלער מעכאַנישקייט, וואָס וועט דינען בלויז מיר און וועט תפילה טאָן בלויז צו מיר. איך וועל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד פון בלוט, יהודה. איך וועל דיר אַנטפּלעקן דעם סוד פון לעבן, פון טויט און פון אַבסאָלוטער צעשטערונג. איך וועל דיר געבן דעם כח אויפצערייסן יעדן אַטאָם און יעדן עלעקטראָן אין דעם אוניווערס, און אין דעם אויפרייס וועלן אַלע קוואַדריליאָנען שטערן אַ ציטער טאָן. זיין ממשלה איבער דיר וועט זיך ענדיקן און עס וועט קומען די דערלייזונג . . .

י ה ו ד ה : (ווי אין טרוים) און ס׳וועט קומען די דערלייזונג . . .

(אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אין דער טיר שרה. זי בלייבט שטיין אויף די טרעפּ און קוקט אויף יהודהן. דער פרעמדער בויגט אָן דעם קאָפּ, ווי פאַרנויגנדיק זיך און טרעט אָפּ הינטערווייִלעכטס צו אַ טונקעלן ווינקל, וואו ער ווערט אומזיכטבאַר.

ש ר ה : איך האָב געהערט דיין שטימע, יהודה. האָסט גערעדט צו זיך אַליין, צו איז דאָ עמיצער געווען?

י ה ו ד ה : איך גלויב, ס'איז דאָ עמיצער געווען. און אפשר איז דאָס בלויז האַלוצינאַציע אָדער וויזיע ...

ש ר ה : ביסט לעצטנס אַזוי צעשפּליטערט און צע־ריסן, יהודה ... דו דאַרפסט רו ... רו .. די אַרבעט און יסורים מאַטערן דיך אויס. דיין גייסט ...

י ה ו ד ה : מיין גייסט ... וואָס מיין גייסט? ... גייסט ... גייסט ... גייסט! ס'אַחלום! רויך, אָן ציל, אָן זין ...

ש ר ה : דו שרעקסט מיך... מיט דיינע ווערטער...

י ה ו ד ה : שרעק ... שרעק ... פּרימיטיווער גע־פיל ... ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך! גייסט ... גייסט! דער־לייזונג איז ניט אין גייסט ... דערלייזונג איז אין וויסן.

ש ר ה : האָסט פאַרלוירן דעם מוט, ליבסטער? איז דען ניט מעגלעך ליבע אין דעם וויסן און וויסן אין דער ליבע? האָסט דאָך אַליין געלערנט, אַז די מענטשהייט האָט אַגרויס האַרץ, און דאָס האַרץ וועט אַ ציטער טאָן אונטער די טרערן פון אונדזער פאָלק. עס וועט זיך אָנ־פילן מיט רחמנות און מיט ליבע ... קום צו מיר אין מיין שויס, יהודה ... איך וועל דיר געבן רו ... כ'וועל דיין קאָפּ צו מיינע בריסטן דריקן ... אַ חלום שעפּטשען אין דיין אויער ... און שיינע טרוימען פאַר דיר וועבן ... קום, יהודה ... קום צו מיר ...

(זי זעצט זיך אויף די טרעפּ. יהודה לאָזט זיך גיין צו איר, וויל זיך שטעלן אויף די קני און קאָן ניט, גלייך

ווי עמיצער האַלט אים אָפּ. זי ציט אים אָבער צו זיך מיט אירע הענט, לעגט ער זיין קאָפּ אויף איר שויס).

שרה: דיין קאָפּ איז אַזוי הייס . . . דיין אָטעם פילט זיך מיט שוועבל, און דיינע אויגן זיינען, ווי פייער־דיקע קוילן. ביזט קראַנק, יהודה מיינער, קראַנק . . . שלאָף איין . . . שלאָף איין . . . וועסט אויפוואַכן מיט די שטראַלן פון דער זון . . . און מיט מיין ליבע ווי אויף פליגל, וועל איך דיר פאַרטראָגן צו די וואָלקנס . . . פון דער ערד וועט אַרויפכוואַליען צו אונדז דאָס ליד פון פאָלק . . . און די זון וועט זיין גאָטס שמייכל צו דער מענטשהייט. . .

יהודה: כע־כע . . .

שרה: האָסט געהערט . . . ס׳האָט עמיצער געלאַכט.

יהודה: אפשר ער . . .

שרה: ווער?

יהודה: דער פרעמדער.

שרה: דער פרעמדער?! וואָס טוט ער דאָ?

יהודה: ער האָט מיר אַנטפלעקט דעם סוד . . . דעם סוד פון דערלייזונג. הער! הער! הער! שרה! ניט גייסט —נאָר וויסן! ניט עמאציע — נאָר געדאַנק! ניט לעבן — נאָר טויט! כע־כע־כע־כע! נעם מיין האַנט, פרעמדער! נעם מיין האַנט!

שרה: ניין, ניין, יהודה! ניין . . . איך וועל ניט לאָזן . . . קוק אין מיינע אויגן, יהודה. אין מיינע אויגן וועסטו זען דאָס ליכט פון לעבן . . . פון לעבן . .

יהודה: און דו קוק אין מיינע אויגן, וועסטו זען דאָס ליכט פון פינצשערניש. ליכט קומט אויך פון פינצ־טערניש . . . הערסט? הערסט? עס דונערן וואולקאַנען? כע . . ניין — עס דונערן האַרמאַטן, באָמבעס און קאַנאָ־נען! הערסט? הערסט?! וואָיעט דאָס דער שטורעם־ווינט? כע . . . ניין — עס וואָיען די יללות! הערסט? הערסט?! שלאָגן דאָס די ים כוואַליעס אָן סקאַלעס?

כע — ניין — דאס שטורעמען כוואַליעס בלוט פון וואונדן כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

ש ר ה: יהודה... מיין האַרץ... ליכט פון מיינע אויגן... קוק אויף מיר. קוק. גיב מיר דיין האַנט.. קום. איך וועל קלעטערן מיט דיר העכער אויפן באַרג... און די ליבע, און די תפילה, און דער גייסט, און זין וועלן אַרויפשטייגן מיט אונדז, מיין מאַן, מיין גאון... קום. בין איך דען ניט די שכינה דיינע מער, ווי דו פלעגסט מיך רופען? געדענקסט האָסט מיר געשענקט דיין שענסטע ליד, דעם שיר השירים און האָסט גערופן מיך די צאַרטסטע נעמען? האָסטו שוין מער גאַרניט פאַר מיר, מיין מאַן יהודה?

י ה ו ד ה: איך האָב... איך האָב... איך וועל מיין מאַנטל אויסשפּרייטן פאַר דיר פון ים צו ים. איך וועל אויסרייסן פאַר דיר די הערצער מענטשלעכע, און ווי מיט בלומען אויספלאַנצן די ערד... יעדער טראָפּן פון פרימאָרגנדיקן טוי, וועט זיין פון בלוט. אַנשטאָט סאַפּפירן און אָפּאַלן — אויגן מענטשלעכע פון זייערע נעסטן... און באָדן וועסטו זיך אין מילך פון זויגנדיקע מוטערס... אַנשטאָט פּערל וועל איך דיר געבן די ציינער פון גאונים... אויף צונגען פייער פון ברענענדיקע שטעט, וועסטו פליען צו די וואָלקנס... און די יללות פון די געשאָכטענע וועלן זיין ווי לידער פאַר די אויערן דיינע... פון ביינער מענטשלעכע וועל איך בויען דיר פּאַלאַצן, און פון זיי זייערע אָדערן — גאַמאַקן פאַר דיר פלעכטן צו וויגן און פאַרוויגן דיך... כאַ־כאַ—

(ווערט אַנטשוויגן. באַהאַלט דעם פּנים באַ איר אויפן שויס. זי גלעט זיין קאָפּ און קוקט מיט טרויער אין דער וועלט אַריין. יהודה הויבט זיך לאַנגזאַם אַוּיף. ווישט אָפּ דאָס פּנים מיט די הענט, ווי אָפּווישנדיק אַ חלום. גייט צו צום ארון קודש. שטעלט זיך אויף די קני און לייגט זיך מיטן גאַנצן קערפּער און מיטן פּנים צו דער

ערד. עס ווערט טונקעלער, נאָר דער ליכט פּאַס שיינט פון אויבן. יהודה ליגט אזוי אַ לאַנגע צייט, אומבאַוועגלעך, ווי אַ טויטער. שרה ווערט אומזיכטבאַר. פון טונקעלן ווינקל דערהערט זיך דער שטילער געלעכטער פון דעם פרעמדן. יהודה הויבט זיך אויף. רעדט שטיל:)

יהודה: האָסט מיר ניט געגעבן דעם ענטפער. דו שווייגסט. איך אָבער קאָן ניט שווייגן מער. איך, דער פאַריער, דער אומבאַרירבאַרער, איך וועל דיך פאַרטי־ליקן. איך וועל זיך פאַראייניק מיט אים! מיט אים, וואָס האַלט זיין אויג און האַנט אויף דער סטרא־אחרא... מיט אים וועל איך זיך פאַראייניקן און אַריינשליידערן דיך און דיין וועלט אין דיין אייגענעם כף־הקל... אים וועל איך אָוועקגעבן מיין גייסט, מיין וואָרט, מיין טאַט, מיין יעדן אטאָם... (שרייט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער) **אויס מיט דיר! אויס! אויס! אויס! גענוג! איך גלויב ניט מער אין דיר! גענוג געגלויבט! גענוג געבעטן! גענוג געוואָרט! גענוג געליטן! גענוג! גענוג!**

(דרייט זיך האסטיק אויס. די ליפּן ווייס, די אויגן ברענען, די האָר צעשויבערט. שטרעקט אויס די האַנט פאָראויס מיט כח:)

נאַ! נאַ! דו! דו! צווייטער אין דער צוויאייניקייט — נעם מיין האַנט!

(פון דער טונקלקייט באַווייזט זיך דער פרעמדער. גייט צו צו יהודה. קוקט אויף אים, ווי היפּנאָזירנדיק אים)

יהודה: נעם מיין האַנט! איך גיב דיר אַלץ, וואָס כ'האָב אים געגעבן. איך גיב דיר מיין קאָפּ, מיין נשמה, מיין געשאַפענע מאָראַל און עטיק, מיינע ברידער און שוועסטער, מיין פאָלק, מיין וועלט — פאַר דעם קץ.

דער פרעמדער: כע־כע... פאַר דעם קץ! צום ערשטן וועסטו דאַרפן דורכגיין דעם וועג צום

קץ. און קץ — דער סוף, איז ווידער אָנהויב פון באַשאַף.

יהודה: ווידער אָנהויב פון באַשאַף? . . .

דער פרעמדער: פון מיין באַשאַף.

יהודה: וועט קץ ניט זיין פאַרניכטונג . . . אין אַבסאָלוט?

דער פרעמדער: פאַרניכטונג פון גייס־טיקייט . . . אין אַבסאָלוט.

יהודה: און די דערלייזונג?

דער פרעמדער: אין דער פאַרינכטונג פון גייסטיקייט — די דערלייזונג.

יהודה: דער סוף פון גייסטיקייט וועט זיין דער סוף פון וועלט . . .

דער פרעמדער: כע־כע . . . רעלאַטיוו — פון דיין וועלט.

יהודה: טאָ פיר מיך מיט אַלע וועגן צו דעם סוף!

דער פרעמדער: דו שטייגט מיך איבער, מענטשנקינד, מיט דיין ווילן און ענטשלאָסנקייט אַ שפּרונג צו טאָן אין דיין חלל. אָבער . . . איידער איך פיר דיך מיט די וועגן פון אַגאָניע . . . צום ברעג, מוזטו אויסלעשן דעם פונק, וואָס טליעט ערגעצטיף, טיף אין דיר, באַם קנופּ, וואו דו ביזט פאַרבונדן נאָך מיט אים. לעש אויס דעם פונק.

יהודה: דעם פונק?

דער פרעמדער: יאָ, דעם פונק, וואָס דו רופסט „גלויבן" און „בטחון". אָט דעם פונק, צוליב וועלכן איך האָב שוין איינמאָל פאַרלוירן . . . ביי דעם נוצרי, ווען איך האָב שוין געהאַט באַם ברעג פון באַרג, גרייט אַ שפּונג צו טאָן.

יהודה: אָבער . . . איך מוז דאך עפּעס האָבן, וואָס זאָל הייסן גלויבן. ווייל דער גלויבן אין דיר איז דאך אויך גלויבן.

דער פרעמדער: אָט זעסט! אויך דו האָסט מורא אויסצולעשן אין זיך דעם פונק. דו שטעלסט ניט

איין: דו ציטערסט נאָך אַלץ פאַר דעם אומבאַקאַנטן, פאַר דעם אַבסאָלוט. כע־כע . . . אַ פונק באַם לעבן, — ביסטו געוואוינט צו גלויבן, — איז אָפּט אַ פייער נאָכן טויט. מענטשן האָבן ליב צו וואַרפן זייערע הערצער אין דעם פייער. עס ווערט „מאַרטירערטום״! „מאַרטירערטום״! איין האַנט אים — און ס׳איז גייסט! די צווייטע האַנט מיר — און ס׳איז בלוט! און איך און ער רייסן זיך איבער דיר. ווילסטו איצט אויך שפּילן די שפּיל? „גלויבן״, יהודה, איז די אַקס, אַרום וועלכע עס דרייט זיך דאָס מענטשלעכע און איר האָט שוין אַזאַ טבע, מענטשנקינדער, וואָס הייבט גלויבט איר אין מיר און מאָרגן אין אים. אויס מיטן פונק, יהודה! לעש אים אויס! — — צו אפשר האָסטו שוין חרטה?

יהודה: ניין, איך האָב ניט קיין חרטה. מיט גלויבן, מיט בטחון האָב איך סיי ווי סיי די דערלייזונג ניט געבראַכט; וועל איך ברענגען זי מיט פינצטערניש און מיט בלוט. נעם מיין לעצטן פונק! נעם, אויב ס׳איז נאָך פאַראַן אַ לעצטער פונק אין מיר. נעם, צעטרעט אים! זאָל זיין אויס מיט גלויבן, מיט בטחון! אויס!

(דער פרעמדער הויבט אויף די פינגער פון זיין לינקער האַנט, ווי אין סימבאָלישן ריטואַל. עס נידערט אַראָפּ אַ געדיכטע פינצטערניש און דער פּאַס ליכט פון אויבן ווערט אויסגעלאָשן. מיט דעם פּאַספּאַרירנדן פינגער, וואָס שיינט אין דער לופטן, מאַכט דער פרעמדער אַ פייערדיקן קרייז אַרום יהודה. אויף די ווענט און אין די ווינקלען פאַנגט זיך אָן אַ וואַקכאַנאַליע פון ליכט און שאָטן . . . אַ קאָשמאַר פון טויזנטער אויגן און טויזנטער ליפּן אַרום . . . אַ רויטלעכע שיין הויבט אָן פאַלן פון אויבן און אין דער שיין — דאָס געשטאַלט פון יהודהן. ער שטייט מיט אויפגעהויבענע פאַרבלוטיקטע הענט שאָקלט זיך הין און צוריק און זינגט אַ ניגון פול מיט מיסטיק און מיט פאַנאַטישער התפעלות . . . און, ווען

ער הערט אויף זינגען, דערהערט זיך ווייט, ווייט דער געלעכטער פון פרעמדן. ווי דער רויש פון כוואַליעס קומט פון ווייטנס דאס ברומען פון פאָלק. יהודה שטייט מיט פאַרמאַכטע אויגן, די הענט צעשפּרייט. רעדט פייער־דיק און פיבערדיק . . .)

י ה ו ד ה : מיין פאָלק! מיין פאָלק! קום צו מיינע פיס . . . פאַרנעם מיין וואָרט . . . דאָס וואָרט פון דעם טייוולמענטש! באַהעפט זיך מיטן שטורמווינט, מיט וואַסער און מיט פלאַם, מיט בלוט, מיט קללה און מיט סם! מיט שווערד, מיט מינע און קאנאָן! מיט גזלה, האַס, מיט פאַלשקייט און מיט מיר, מיט מיר, מיט אייער פירער יהודה!

(די ווייטע ילולות או ווילדע געשרייען פון פאָלק מישן זיך אוים מיטן געוואי פון שטורעמווינט וואָס שטייגט אַלץ העכער און העכער.

פון דער טונקלקייט רייסן זיך אַרוים איינציקווייז דריי געשטאַלטן: זייערע ווערטער אָטעמען מיט ליידנשאַפט און מיט פאַנאַטישן פייער :)

ע ר ש ט ע ג ע ש ט א ל ט : הערט זיך איין! הערט זיך איין! עס קומט דער אָנזאָג! עס שוועבט שוין דאס וואָרט פון נביא! עס פאַכט מיט שוואַרצע פליגל די גאולה! עס קומט דאס וואָרט! עס קומט דער טאַט! עס קומט דער נס! עס קומט די אויסלייזונג, ברידער! ברידער! לויב צום פירער! (פאַרשווינדט).

צ ו ו י י ט ע ג ע ש ט א ל ט : העי! העי! העי! העי! זאָל שאַלן העכער אייער געשריי! זאָלן אייערע טאַטן ווערן בליצן! זאָל האַס, נקמה, רייסן, שמיצן! העי! העי! העי! לאָזט זיך דרייסט אַרויס מיט שטורם! שמייסט טיראַנען אין די ים׳ען! עס קלאַפּן צו די דונערס—פויקן! זאָל פליסן בלוטן שטראָמען! לויב צו אונזער פירער, צום אויסלייזער יהודה! (פאַרשווינדט)

ד ר י ט ע   ג ע ש ט אַ ל ט : הערט אויס! הערט אויס! הערט אויס! עס איז דער אָנזאָג! דער באַפעל! רייסט אַראָפּ די געלע לאַטעס פון די ברוסטן! די הערצער וועלן פלאַקערן אין אייך מיט געלען פייער! פאַרשארפט די ציין! פאַרשפיצט די נעגל! לאָזט פריי אייער לייב אין אַלע תאוות! צינדט אָן די שטעט! פאַרברענט די בריקן! צעשיסט די ערד און אַלע הימלען! ניטאָ קיין גאָט! ניטאָ קיין געטער! אַזוי זאָגט ער, דער נביא און דער פירער, דער משיח און אויסלייזער יהודה! לויב צום אויסלייזער יהודה! (פאַרשווינדט)

ד אָ ס   פ אַ ל ק : לויב! לויב! לויב! לויב צו אונדזער פירער און אויסלייזער יהודה!

י ה ו ד ה : מיין פאָלק! מיין פאָלק! פון אָט דעם באַרג אָט דאָ האָבן מיר יעדן טאָג געוואַרט אויף אונדזער זון . . . זי איז ניט אויפגעגאַנגען די זון. ניטאָ קיין זון!

ד אָ ס   פ אַ ל ק : ניטאָ קיין זון . . .

י ה ו ד ה : ווען די פינצטערע נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פליגל איבער אייך, האָט איר באַלויכטן אייערע ווינקלען מיט דעם ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אייערע תורות. און ווען אַלע בייזע קללות פון דער וועלט, האָבן ווי שניידנדיקע ווינטן אַ לאָז געטאָן זיך איבער אייערע דעכער, האָט איר מיט דער וואַרעמקייט פון אייערע הערצער געוואַרעמט זיך איינער לעבן צווייטן. איר האָט אַוועקגעגעבן אַלעס פאַר דערלייזונג, און די דערלייזונג איז ניט געקומען. זי וועט אָבער קומען איצט, די דערלייזונג! זי וועט קומען און זי וועט זיין אין דער גסיסה פון דער וועלט!

ד אָ ס   פ אַ ל ק : אין דער גסיסה פון דער וועלט . . .

י ה ו ד ה : עס וועט ניט אויפגיין מער די זון!

ד אָ ס   פ אַ ל ק : עס וועט ניט אויפגיין מער די זון...

י ה ו ד ה : ווי צעפרעסנדיקן נעפל וועל איך אַרויסשיקן אויף דער פלאַנעטע גאָזן . . . און ווי אַ ציקלאָן — אַ טויטלעכע מגפה!

ד אָ ס פ אָ ל ק : אַ מגפה! אַ מגפה!

י ה ו ד ה : און עס וועט הערשן וואַהנזין אין דער וועלט!

ד אָ ס פ אָ ל ק : וואַהנזין . . . וואַהנזין . . .

י ה ו ד ה : אַזוי זאָג איך דער פירער, דער אַלמעכ־טיקער! אַזוי זאָג איך יהודה!

ד אָ ס פ אָ ל ק : קדוש. . . קדוש . . . קדוש . . יהודה!

(ישראל לויפט אַריין, ווי געטריבן פון בייזע גייסטער. פאַרצווייפלונג און צער אויף זיין פנים. קוקט זיך אַרום דערשראָקן, און, דערזעענדיק יהודהן, הויבט ער אויף די ציטערדיקע הענט מיט אַ געוויין:)

י ש ר א ל : רבי . . . רבי . . . ס'איז לעסטערונג, רבי!

י ה ו ד ה : לעסטערונג זאָל זיין!

י ש ר א ל : דו, מיין רבי יהודה! דו, וואָס האָסט יעדן טאָג געוועקט די תפילה צום גייסטיקן אין אונדזערע הערצער! דו, מיין רבי יהודה ביסט דער מורד און דער פירער קעגן אים?! זאָל איך אויסרייסן מיינע אויגן און מיין האַרץ? זאָל איך איצט אָפלייקענען זיך, און דיך, און דעם באַשעפער, און איינטונקען מיינע הענט אין בלוט, און ניט גלויבן מער, אַז אָט פון דעמדאָזיקן באַרג דאָ, וועט ווידער אַראָפּנידערן דער נייער געבאָט צו דער מענטשהייט? זע, די לעסטערונג האָט אויפגעפּראַלט די טירן פון דעם גיהנום, אַרויסגעלאָזט די בייזע רוחות, בייזע שדים, וואָס טאַנצן שוין דעם טאַנץ פון טויט. זע... די געטלעכע ווערטער ליגן צעטראָטן אויף די וועגן . . . די בלעטער פון די ספרים קאָרטשן זיך אין פלאַמען פייער . . . דיין גייסט, דער ליכטיקער, ווערט פאַרשלונגען אין רויך און אין שוועבל, און דאָס בלוט דאָס מענטש־לעכע רינט ווי רויטע לאַווע . . . יהודה . . . אה, יהודה . .

י ה ו ד ה : דיינע ספרים קאָרטשן זיך שוין יאָרן

טויזנטער אין פלאַמען, און דו און ער האָבן ניט געהאָל־פן . . . דיינע ווערטער די געטלעכע האָט מען אין שטייגן פאַרשפּאַרט, און דו און ער האָבן ניט געהאָלפן . . . די בייזע ווינטן, רוחות, שדים טאַנצן שוין דעם טאַנץ פון טויט פון ששת־ימי־בראשית און ער און דו האָבן ניט אָפּגעשטעלט דעם טאַנץ . . .

י ש ר א ל : ניט מיר, רבי ,זענען די דאָזיקע צו באַשטימען ווי לאַנג עס דאַרף זיין דער טאָג און ווי לאַנג די נאַכט, ווי לאַנג עס מוז געדויערן די פינצטערניש, און ווי לאַנג די ליכטיקייט. דער גלויבן האָט אונדז יאָרן טויזנטער געלאַשטשעט, ווי א מאַמע און געהיילט די וואונדן אונדזערע . . . לאָז ניט איצט דעם גלויבן ווערן אַ שלאַנג אין אונדזערע הערצער. דער גלויבן האָט אונ־דזער צער און פּיין פאַרוואַנדלט אין געדולד, געמאַכט אונדז שטאָלץ . . . רבי, ווייסטו דען ניט, אַז ווען דו נעמסט באַם מענטשן צו דעם גלויבן און דעם גלויבן אין דעם גלויבן, ווערט די פינצטערניש געדיכטער, ווערט די פאַרצווייפלונג אָן אָפּגרונט, ווערט דער טראָפּן ליבע אין האַרצן — סם, און אין די אויגן קריכט און בריט די ברענענדיקע בושה — פאַר זיך, פאַר דעם מענטשן, פאַר דער וועלט. אָן גלויבן — בין איך ניט איך, דו ביסט ניט דו, און אַלעס איז געווען און איז ליגן פון אָנהויב ביזן סוף. ניין, רבי, ניין! איך וויל ניט אָננעמען דעם וואָהנ־זין אַלס אַ גלויבן, ניין!

י ה ו ד ה : דער גלויבן איז ניט געווען קיין גלויבן, דער ליגן איז ניט געווען קיין ליגן, דער אמת איז ניט גע־ווען קיין אמת. און עס איז ניטאָ און עס איז ניט געווען, און עס וועט ניט זיין די וואָג און מאָס צו מעסטן עס. ס׳איז ניט געווען, און ס׳איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין דער וועג, וואָס פירט צו אַ ציל, צו אַ זין. ניטאָ קיין רח־מנות? פאַרשלינג, פאַרניכט, פאַרצוק, צעררייס איינער דעם צווייטן! דערלייזונג איז בלויז אין טויט, אין אונ־טערגאַנג, אין אַבסאָלוט פון ניט זיין . . . פינצטערניש

דאַרף הערשן! עס טאָר קיין פונק ניט בלייבן פאַר זיין אָטעם צו צעבלאָזן. לעש אויס דיין פונק, ישראל! פאַרגעס! פאַרמעק! צעטרעט!

י ש ר א ל : ניין, רבי . . . איך וועל אים ניט אַרויסרייסן דעם לעצטן פונק אין מיר.

י ה ו ד ה : איך וועל דיך צווינגען, ישראל . . . איך וועל דיך צווינגען . . .

י ש ר א ל : אָן גלויבן האָסטו קיין שליטה ניט איבער מיר.

י ה ו ד ה : איך באַפעל דיר, ישראל, גיב אָפּ דעם פונק!

י ש ר א ל : איך וועל ניט אָפּגעבן . . .

י ה ו ד ה : איך וועל דיך פאַרניכטן און דיין עקשנות.

י ש ר א ל : דו האָסט מיך געלערנט: אדם יסודו מעפר, וסופו לעפר . . . און שטויב איז אויך אומשטערבלעך. און גייסט איז דער נר־תמיד . . .

י ה ו ד ה : דיין גייסט, דער נר־תמיד, לעבט אין דיר אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דו לעבסט . . . ער ווערט אויסגעלאָשן צוזאַמען מיט דיר אין דער פאַרניכטונג. לעש אויס דיין פונק אין זיך און אין דיינע ברידער, וועסטו ברייגנען די גאולה.

י ש ר א ל : די גאולה ליגט אין פונק, רבי . . .

י ה ו ד ה : אין די ענויים קשים, וואָס מ׳וועט דיר אָנטאָן, וועסטו זיך בעטן, ער זאָל אויסגעלאָשן ווערן. וועסט געפּייניקט ווערן מיט אַלע פּייניגונגען פון אַלע וועלטן און פון אלע צייטן . . .

י ש ר א ל : און מיין פונק וועט דאָך ניט אויסגעלאָשן ווערן.

י ה ו ד ה : אוי! אוי! אוי! אוי און ווי זאָל זיין צו דיין עקשנות, ישראל! אַלע בייזע כחות, אַלע בייזע גייסטער, שווערד און הונגער, פייער און וואַסער, אַלע מגפות, פינצטערניש און כאַאָס, די רשעות פון אַלע פעלקער, און פון אַלע צייטן זאָלן פאַלן אויף דיין קאָפּ און

אויף דיין געביין, ישראל. אין אַנגסט און אין יסורים זאָלסטו זיך אַליין פאַרשילטן און מיט די אייגענע הענט אויסלעשן דעם פאַרשאָלטענעם מאַרטירערישן פונק אויף אייביק און אויף אייביק . . . אַזוי זאָג איך — יהודה!

(דער שטורעמווינט יאמערט מיט געשרייען און מיט ילולות פון פאָלק. יהודהס שטימע קלינגט אין שטורעמ־ווינט מיט גרויל־משוגעת . . .)

אין בלוט און אין פייער! אין פינצטערניש און אין מגפה — צו גאולה! לעשט אויס! צעטרעט! אין זכר, אין נקבה, אין קינד און אין זקן, אין אַלע אברים מיט אַלע חושים, אויף דער יבשה און אונטער דער יבשה, אין דער לופט אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער — לעשט אויס! צעטרעט דעם לעצטן פונק! אויס! אויס!

י ש ר א ל : (אין פאַרצווייפלונג) **ברידער! ברידער מיינע! לעשט ניט אויס! לעשט ניט אויס דעם לעצטן פונק!**

י ה ו ד ה : (טוט אַ ווילדן שפרונג אויף ישראלן, כאַפּט אים אָן באַם האַלדז) **איך אַליין . . . איך אַליין מיט מיינע הענט וועל אויסלעשן דיין פונק! איך — כאַ־כאַ־כאַ!**

(אין דונער און אין בליצן טראָגן זיך זיינע וואַהנזיני־קע אויסגעשרייען און זיין געלעכטער)

אויס! אויס! אויס — כאַ־כאַ־כאַ! אויס — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

(מיטאַמאָל ווערט אויפגעפראַלט די טיר און אין שטראָם פון ליכט באַווייזט זיך שרה. יהודה לאָזט אָפּ ישראלן, און אַ בלאַסער, אַ פאַרנעפלטער, מיט שרעק אין די ברייט צעעפנטע אויגן, טרעט ער אָפּ אויף צוריק צום ארון־קודש, וואו ער פאַלט אויף די טרעפּ, ווי אַן אונטערגע־שניטענער. שרה גייט צו צו ישראלן, הויבט אויף זיין

קאָפּ מיט איר האַנט, ווישט אָפּ מיט דער צווייטער זיין שטערן, רופט צאַרט:)

ש ר ה: ישראל... ישראל...

י ש ר א ל: (עפנט אויף די אויגן) **אה... אַ שרעקלעכער חלום.. אַ שרעקלעכער חלום.. דער רבי.. דער רבי...**

ש ר ה: **ער וועט קומען צו זיך... ער וועט קומען...**

י ש ר א ל: **ער איז קראַנק, דער רבי.. קראַנק.. דער פונק זיינער.. דער פונק...**

ש ר ה: **מיר וועלן אים פונאַנדערבלאָזן, ישראל... מיר וועלן אים פונאַנדערבלאָזן...**

(נעמט אַרום ישראלן און גייט מיט אים לאַנגזאַם צו יהודהן. שטייען אַזוי אַ ווײַלע און קוקן אויף אים. ישראל הויבט אויף יהודהס קאָפּ און שרה שטעלט זיך הינטער אים און גלעט זיין שטערן מיט אירע ווייסע הענט).

י ש ר א ל: (מיט געבעט) **רבי... רבי יהודה... רבי יהודה...**

(יהודה עפנט די אויגן, קוקט און זעט גאָרניט)

י ש ר א ל: (לייגט צונויף די הענט, ווי אין אַ תפילה. בויגט זיך צו צו יהודהן) **רבי... דאָס בין איך... ישראל... זאָגט מיט מיר, רבי... זאָגט מיט מיר — „קדוש.. קדוש.. קדוש..."**

י ה ו ד ה: **קדוש.. קדוש.. קדוש...**

י ש ר א ל: **אַלמענטשלעכער און געטלעכער גייסט... פון פרידן, פון ליבע, און רחמנות...**

י ה ד ה: **גייסט פון פרידן, פון ליבע און רחמנות...**

מ. גיציס

י ש ר א ל : מיט דיין ווילן, און מיט דיין גנאד וועל איך לעבן . . .

י ה ו ד ה: מיט דיין ווילן און מיט דיין גנאד וועל איך לעבן . . .

י ש ר א ל : און וואַרטן אויף דער זון, אויף דער ליכטיקייט . . . מיט בטחון . . מיט בטחון . . .

י ה ו ד ה : און וואַרטן אויף דער ליכטיקייט מיט בטחון . . . מיט בטחון . . .

י ש ר א ל : אמן —— אמן———

יהודה

מרתה

מרים — איר שוועסטער

אליעזר — איר ברודער

יהודה

יעקב

מאַגדאַלען

יושעה

קאַליקעס, בעטלערס, תלמידים, באַדינער.

יהודה

די זון נויגט זיך צום קומענדן פאַרנאַכט. שאָטנס פון פייגנבוימער ציען זיך פון הויף צו דער וועראַנדע פון מרתה׳ס הויז. ביי די טרעפּ פון דער וועראַנדע זיצן און ליגן בעטלערס און קאַליקעס. אייניקע ציהען זיך מיט די הענט צום הויז און מ׳קאָן הערן, ווי זיי רופן רחמנותדיק: העלף, העלף . . . דערלייזער . . . העלף. אַנדערע זיצן רואיקער און רעדן צווישן זיך.

ע ר ש ט ע ר ב ע ט ל ע ר: איך בין אַמאָל רייך געוועזן . . . רייך געווען בין איך, זאָג איך אייך . . . מ׳האָט מיר כבוד צוגעטיילט און צו אַזעלכע ווי איר האָב איך גאַנצע זשמעניעס זילבער צוגעוואָרפן.

צ ו ו י י ט ע ר ב ע ט ל ע ר: גאַנצע זשמעניעס זילבער צוגעוואָרפן.

ע ר ש ט ע ר ב ע ט ל ע ר: און מיין זון האָט דעם גרעסטן ווייַנגאָרטן געהאַט אין טאָל. און זיין וויין איז גע־ווען דער בעסטער אין גאַנץ יהודה.

צ ו ו י י ט ע ר ב ע ט ל ע ר: ביזט נאָך איצט, ווייזט אויס, שיכור פון דעם וויין. זיץ, זיץ מיט דיינע קוליעס, דו אַלטער נאַר. וואַרט, שטופּ זיך ניט, מיר זע־נען פאַר דיר געקומען.

ד ר י ט ע ר ב ע ט ל ע ר: מאַכט וועג פאַר אים! מאכט וועג! ער האָט גאנצע דשמעניעס זילבער, כאַ, כאַ!

ב ל י נ ד ע ר: . . . . איר קרעציקע . . . און דו, דו מיט די פאַרטריקנטע פיס, איר קאנט כאָטש די וועלט זען פאַר זיך . . . און איך, ווי, איך בין בלינד . . . בלינד . . . מיך דאַרפט איר צו דעם היילער דעם ערשטן לאזן.

פ ע ר ט ע ר ב ע ט ל ע ר: קיין בלינדן וועט ער זעענדיק ניט מאכן.

פ י נ פ ט ע ר: ער וועט, ער וועט... איך האָב געהערט ער מאכט אויך בלינדע זעענדיק.

ז ע ק ס ט ע ר: און שטומע — רעדעוודיק...

ז י ב ע ט ע ר: און טויבע — הערענדיק...

אַ כ ט ע ר: און טויטע — לעבעדיק...

ה א ל ב נ א ק ע ט ע ר: טויטע לעבעדיק! כאַ־כאַ! און שטומע רעדעוודיק, און טויבע הערנדיק... כאַ, כאַ, כאַ!

ג ע ל יי מ ט ע ר: וואס לאכסטו, רשע... וואס לאכסטו? גלויבסט ניט?

ה א ל ב נ א ק ע ט ע ר: כאַ־כאַ־כאַ! זאל ער נאר דעם קונץ באַווייזן און מיך דעם נאַקעטן באַקליידן. זאָל ער מיר שיינע קליידער געבן, און יעדן טאג אַ מאלצייט אפּצועסן, און יעדע נאַכט אַ געלעגער און אַ ווייב צו שלאפן...

ע ר ש ט ע ר ב ע ט ל ע ר: איך האָב דאס אלעס געהאַט...

אַ כ ט ע ר ב ע ט ל ע ר: מ׳דארף נאָר גלויבן, גלויבן אין אים. ער איז דער משיח, זאג איך אייך, דער משיח...

ג ע ל יי מ ט ע ר: (רוקט זיך צו נענטער צו דער וועראנדע) לאזט מיך, לאזט מיך צו דעם היילער... לאזט...

ד ר י ט ע ר ב ע ט ל ע ר: וואס דארף ער פיס, וואס דארף ער? קוקט ווי שנעל ער רוקט זיך, קוקט!

ה אַ ל ב נ א ק ע ט ע ר: כאַ־כאַ־כאַ!

ג ע ל יי מ ט ע ר: (שלאגט בייז רעכטס און לינקס מיט זיין קוליע) רשעים, לצים, קרעציקע הינט!...

(עס ווערט אַ טומל, אַ געשריי, געלעכטער און געשלעג. יעדער איינער שטופט זיך פאראויס צו די טרעפּ.

אויף דער וועראנדע באַווייזט זיך מרתה. לויפט אראָפּ אַפּאָר טרעפּ און פרובירט די איינשטילן).

מ ר ת ה: שווייגט! שרייט ניט אזוי אומגליקלעכע! ער איז באם בארג מיט די תלמידים. גייט צום בארג! דארט וועט ער אייך היילן. גייט צום בארג!

ד י ב ע ט ל ע ר: מיר ווילן אים זען... זאל ער אויסהיילן אונדזערע וואונדן! זאל ער אראָפּנעמען אונדזער צרעת... העלף... העלף... היילער... משיח...

מ ר ת ה: באם בארג! באם בארג! דארט וועט איר אים זען! גייט צום בארג!

(דיקאליקעס און בעטלערס שלעפּן זיך אוועק איינציק־ווייז און צו צוויי. עס ווערט שטיל. מרתה גייט צוריק אַרויף אויף דער וועראנדע. בלייבט שטיין אַ בייזע. קוקט זיך איין אינדערווייטנס, פון וואנען עס דערנענטערט זיך מרים).

מ ר ת ה: ווידער פארחלומט.

(מרים קומט אַריין אין הויף. גייט לאנגזאם ארויף די טרעפּ. בלייבט שטיין. קוקט אויף דער פארגייענדיקער זון).

מ ר ת ה: וואו ביזטו געווען? די זון האַלט שוין באם פארגיין, און דו וויסט דאך, אז מ׳דארף צוגרייטן צום מאלצייט. דו פארלאזט זיך אויף מיר און אליין שוועבסטו ערגעץ אין די הימלען.

מ ר י ם: יאָ... איך שוועב אין די הימלען, מרתה, איך הער הימלישע קלאנגען און הארפן טענער אין זיינע רייד... (רעדט פארטראכט) זאמלט ניט פאר זיך קיין רייכטום, האט ער געזאגט, ווייל דארט וואו עס ליגט אייער רייכטום, דארט איז אויך אייער הארץ. טראכט ניט וואס איר וועט עסן, אדער טרינקען, אָדער מיט וואס איר זאלט אייער לייב באדעקן; דער פאטער אין הימל זארגט פאר אייך אלעמען, ווי ער זארגט פאר די פייגל אין הימל, פאר די ליליעס אויף די פעלדער. טראכט ניט פון דעם מארגן, ווייל דער מארגן וועט אלעס באזארגן. אָה, מרתה...

מ ר ת ה: יא, יא... ווי באלזאם אויף צעוואונדעטע הערצער זענען זיינע רייד. אבער אַ פויגל מאכט דאך אויך

אַ נעסט, אַ שפּין וועבט דאָך אויך איר שפּינוועב, און דאָרט וואו מ׳פאַרזייט ניט, דאָרט וואַקסן דערנער.

מ ר י ם : ניט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענטש, זאָגט ער, מרתה.

(וויל גיין)

מ ר ת ה : וואַרט, איך וויל מיט דיר רעדן.

מ ר י ם : וואָס ווילסטו?

מ ר ת ה : איך וויל דיר דיינע אויגן עפענען און דיי־נע אויערן דורכלעכרן.

מ ר י ם : וואָס מיינסטו?

מ ר ת ה : איך מיין דו זאָלסט זיין אויף דער וואַך און ניט חלומען. דו דאַרפסט וויסן, אַז אויך ער איז פון פלייש און בלוט. ער איז אַ שונא פון די פּרושים, און דאָך איז ער געגאַנגען צו שמעון׳ס סעודה. מעגלעך, ס׳איז בעסער אַזוי. מעגלעך. ווייסטו אָבער, אַז בּאַ דער סעודה איז אויך די זונה פון מגדלה געווען? זי האָט זיינע פיס געקושט און מיט טרערן זיי באַגאָסן. דערנקסטו, אַז ער וועט זי צו זיך דערהייבן און אין זיין קעניגרייך פירן? הער אויס, מרים! ער וועט צו איר אַראָפּנידערן. פון זיינע הימלען וועט ער צו איר זינדיק לייב אַראָפּפאַלן. דו קאָנסט זי ניט.

מ ר י ם : זי וועט אים ניט פאַנגען. ער איז אַ הייליקער.

מ ר ת ה : אַ הייליקער! זי האָט שוין ניט איין הייליקן בּאַ אירע פיס געזען.

מ ר י ם : ניט אים, מרתה.

מ ר ת ה : ניט אים . . . ניט אים! פאַרוואָס ניט אים? ער איז נאָך יונג און אַזוי פון זינדיקע. דערנקסטו, אַז מיר דאַרפן אים פון אונדזערע הענט פאַרלירן? וואָלסטו דען ניט געקאָנט זיין די ערשטע, וואָס זאָל אים צו זיין רום פירן? שמעון, דער פּרוש, האָט ניט אומזיסט פאַרבעטן אים צו דער סעודה. איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ נעץ ער שפּרייט, מיר מוזן אָבער פאַרזיכטיק זיין.

מ ר י ם : אַה, פאָטער אין הימל . . .

מ ר ת ה : ווילסט ניט באַגרייפן די גרויסקייט פון

דעם טאַט, וואס וואַרט אויף דיר. דו דאַרפסט אים צום זינען ברײנגען. דו דאַרפסט אים פון זײנע חלומות אוועקרײסן, צו אונדזערע ברעגן פירן און קומען נענטער צו זײן האַרץ. פיר אים אַרײן צו זיך אין האַרצן, פאַרשיכור אים מיט ליבע און ער וועט זײן און בלײבן אונדזערער.

מ ר י ם: דו צעטומלסט מײנע געדאַנקען און פאַרסאַמסט מײן האַרץ.

מ ר ת ה: דו מוזט, מרים. וואַרף אַרײן דעם פונק אין זײן נשמה, ווײל נאָר די ליבע טרײבט דעם מאַן צו גרויסע טאַטן.

מ ר י ם : צו טאַטן, וואס פירן אים צום אונטערגאַנג

מ ר ת ה : וועט דײן האַרץ ניט פלאַטערן, וועט דײן מוח ניט ברענען, ווען אַ צווײטע וועט דײן פלאַץ פאַרנעמען בײַ זײן רעכטער האַנט ?

מ ר י ם: איך האָב אים ליב, אָבער ניט מיט דער דאַזיקער ליבע, מרתה. ס׳איז מיר גוט ווען איך באַריר אים, ס׳איז מיר זיס, ווען איך זע אים און איך פאַרגעס, אַז איך בין יונג און האָב אַ לײב, ווען איך הער אים.

מ ר ת ה : ווען דו וועסט עס ניט טאָן, וועט עס די זונה טאָן.

מ רי ם: זי קען עס ניט טאָן.

אין הויף באַווײזט זיך יהודה).

מ ר ת ה געַנוג, געַנוג. יהודה קומט.

מ ר י ם: איך וועל גײן צוגרײטן צו דער סעודה.

(גײט אַרויס)

(יהודה קומט אַרויף אויף דער וועראַנדע)

י ה ו ד ה: פרידן.

מ ר ת ה: פרידן, יהודה.

שווײגן. יהודה זעצט זיך אויף די טרעפּ).

מ ר ת ה: ביזטו אויך בא דער סעודה געווען, יהודה?

י ה ו ד ה: יא.

מ ר ת ה: איך האב געהערט, די זונה מאגדאלען איז אויך דארט געווען.

(יהודה ענטפערט ניט).

מ ר ת ה: זי ווייסט אין וועלכן וויינגארטן צו גיין.

י ה ו ד ה: וואס מיינסטו?

מ ר ת ה: גאָרניט.

(יהודה ווארפט איר אַ בייזן בליק).

מ ר ת ה: כאַ! זי האָט דעם רבין׳ס פוס מיט אידע טרערן געוואשן און מיט אירע האָר אָפּגעטריקנט. זי איז אַ קלוגע שלאַנג, די זונה. פון אירע געליבטע וואלט זי געקענט אַ טעפּיך שפּרייטן איבער די גאסן פון ירושלים. מ׳זאגט אז איינער פון אונדזערע האָט זיך שוין אויך אין אירע נעצן פארפּלאָנטערט. האָסטו אויך געהערט?

י ה ו ד ה: (סאַרדאניש) קאנסט אים אָנרופן. מאטער ניט דיין צונג.

מ ר ת ה: דו ביזט צו קלוג, צו קלוג ניט צו פאר־שטיין, יהודה. כאַ־כאַ־כאַ! ווי אַ טיפע הייל איז דיין נשמה, און דיין צונג ווי אַ שאַרפע שווערד. איך קאן דיך אָבער. דורך דיינע אויגן קאן איך זען דיינע געדאנקן אויף דעם אָפּגרונט פון דיין פארבאָרגענער טיפקייט. אַ שאקאל צווישן שעפסן . . . ווילסטו מיך נארן? עס וואונדערט מיך אפט און איך קאן ניט פארשטיין, וואס ס׳האָט דיך גע־בראַכט צו אונדז. אין קאמף וואלסטו געקאנט לעשן דיינע הייסע בלוטן. מיט בּאראבאסן האָסטו בעדארפט דיין שיק־זאל פארבינדן, ניט מיט אונדז, ניט מיט אים. ניט ער קאן דיך אין זיין קעניגרייך פירן, ניט דו וועסט אים נאכגיין. זיי אלע קאסטו נארן, יהודה, אָבער ניט מיך.

י ה ו ד ה: (דרינגט זי דורך מיט די בליקן) מיך קאנ־סטו אבער אויך ניט נארן, מרתה. שלעפּ ניט מיין צונג און וועק ניט מיין צאָרן. דאס פאלק, קאן מען נארן, ווי מ׳נארט קליינע קינדער. ווי מאלפּעס וועלן זיי טאנצן, ווען

דו ווערסט זיי אַ ליידיקן נוס ווייזן. האָסט אָבער איבערגע־ כאַפּט די מאָס, מרתה.

מ ר ת ה: וואָס מיינסטו?

י ה ו ד ה: דערנקסטו, אַז איך בין אויך צווישן די נאַ־ ראָנים, וואס גלויבן אין תחית המתים?

מ ר ת ה: דו גלויבסט ניט?

י ה ו ד ה: גלויבן? גלויבט ער? אָדער אפשר מאכט ער זיך, אז ער גלויבט? נייך, נייך, אין זיין ריינקייט, אין זיין הארציקייט האָט ער ניט געקאנט באמערקן די פאסט־ קע צן וועלכער דו האסט אים געפירט. און אפשר . . . כאַ־כאַ־כאַ! האלטן אַ קראנקן אין אַ הייל פיר טעג אָן שפייז . . . און דערנאָך . . . א!

מ ר ת ה: דו צווייפלסט אין דעם וואונדער? דער לערער וואלט עס בעדארפט הערן.

י ה ו ד ה: יא, יא . . . .זאג עס אים, זאג דעם גאנצן פאלק, אז יהודה גלויבט ניט! דו ווערסט שווייגן. דו ביזט כיטרע! דו ווייסט, אז דארט, וואו מ׳פארזייט אַ געדאנק, דארטן וואַקסן אויף טאָטן. כאַ־כאַ־כאַ! דאס פאָלק וועט איצט לויפן אַ קוק טאָן אויף דיין אליעזרן, אויף דער היילי־ קער מאלפע, ווענען דער נוצרי האט מחיה מתים געוועזן. די אביונים, די קנעכט און בעטלערס וועלן לויפן זען דעם וואונדער, די רייכע וועלן וואַרפן מיט זילבערשטיק, די פרושים אָבער וועלן דאס ניט דולדן, מרתה. די טויטע דארפן ליגן רוהיק אין די קברים.כאַ־כאַ־כאַ!

מ ר ת ה: דאס פאלק פאדערט וואונדער, יהודה, זיי מוזן זען וואונדער. זיי פארשן ניט, זיי גלויבן. און אויך אין דעם הארצן פון דעם רבין גיס איך דעם באַלזאַם. דעם גלויבן אין זיך אליין. דורך וואונדער דארפן מיר אים ברענגען צום פאלק אין אַ געפירטער, וועט ער אונדז פירן צום זיג, צו אונדזער ציל.

י ה ו ד ה: אַ ווען ער קאן באווייזן דעם וואונדער פון וואונדער, אז די שטאלצן פון די בעטלערס זאלן ווערן שווערדן אין זייערע הענט, אז אנשטאט פארגעבונג, זאל

ער פרעדיקן ראכע; אז אנשטאט צו פארלאזן די גאנצע סטאַדע און גיין זוכן דאס פארבלאנדזעטע שעפעלע, זאל ער בעסער פארוואנדלען די סטאַדע פון שאָף אין אַ סטאַדע פון לייבן; אז אנשטאט אונטערצושטעלן די רעכטע באַק, ווען מ׳שלאָגט דיך אין דער לינקער, זאל ער בעסער לערנען די געפייניקטע צו ענטפערן אויף אַ קלאַפּ מיט אַ קלאַפּ, אַן אויג פאר אן אויג, אַ צאָן פאר אַ צאָן. ער רופט זיי אָבער צו אונטערטעניקייט, און אונטערטעניקייט פירט צו שקלאפעריי. מיט אָרעמקייט וויל ער זיין קעניגרייך אויסבויען. צו קראנקע און דערשלאָגענע גיט ער אוועק זיין האָרץ, זיינע חלומות, אין דער צייט, ווען יונגע, קרעפ־טיקע זין פון ישראלווארטן אויף אַן העלד, ווארטן אויף אַן אויסלעזער, וואס זאל זיי פירן צו זייער רום. אה, איך וועל אים נאָך פון זיין הימל אָראָפּברענגען. איך וועל אים נאָך ווייזן דעם וועג צו מלכת דוד.

מ ר ת ה : ער וויל עס ניט. זיין קעניגרייך איז ניט פון אונדזער וועלט.

י ה ו ד ה: ער וועט וועלן.

מ ר ת ה: קיפה, זאגט מען, גרייט זיך שוין איבער־צוגעבן אים צום סנהדרין, און די רוימער וואלטן אים גלייך אומגעבראכט פאר אויפרייצן דאס פאלק קעגן דער אימ־פעריע. עס שרעקט מיך ער זאל ניט אומקומען ווי יוחנן דער מטבל איז אומגעקומען.

י ה ו ד ה: עס שרעקט דיך?! א, דו ביזט אַ דורכ־געטריבענע, מרתה . . . כאַ־כאַ! איך, יהודה איש קרית, וועל זיינע אויגן עפענען און אין זיינע הענט אַ שווערד אריינלייגן. ווייל עס ברויזט אין פאלק די שנאה צו די רוי־מער. יא, יא, מרתה, אפילו די כהנים און די פרושים וואלטן אים פארגעבן, ווען ער וואלט אויף דער שפיץ פון אַ שווערד געטראגן זיינע ווערטער. זיין פרעדיקן און אויפ־רייצן דאס פאלק קעגן די כהנים וועט אים קיין גוטס ניט ברענגען. זיי וועלן געפינען די מיטלען ווי אפצוראמען אים פון וועג. מיט זיינע אייגענע הענט צעשטערט ער די פעס־

טונג, וואס וואלט אים באשיצט.

מרתה: ער, וואס טראָגט אין זיין האַרצן אַזוי פיל ליבע, אזוי פיל גערעכטיקייט און פשוטקייט, ער זאל אויף דעם שפיץ פון אַ שווערד זיינע ווערטער טראגן? יהודה, יהודה . . .

יהודה: כאַ! דיין באלזאם אָבער איז קיין באלזאם ניט. און דיינע וואונדער זענען קיין וואונדער ניט. יאָ, אין דיין הויז פילט ער זיך רוהיק; אונטערע דיינע און מרים׳ס פליגל געפינט ער טרייסט אין די רגעס פון שטורם . . . טאָ פירט אים צו די הייליקע צילן און זאל דער פאטער אין הימל אייך העלפן . . .

(שווייגט אַ ווײַלע)

צו דער שוועל פון דיין הויז קריכט אָבער אַ שלאַנג, וואס איז קליגער און דורכגעטריבענער פון דיר. אַ שלאַנג וואס האָט טייוואלים אין איר האַרצן און דעם פייער פון גהינום אין אירע אויגן. זי וועט קומען אהער צו באהערשן אים ווי זי באהערשט אַלעמען.

מרתה: ניט אים יהודה . . . ער איז אַ נביא.

יהודה: יאָ, יאָ . . . ער איז ליידער צופיל מענטש צו זיין אַ נביא, און צופיל נביא צו זיין אַן אויסלעזער און פירער.

מרתה: דער טייוול איז אריין אין דיין נשמה.

יהודה: דענקסטו, אז דער טייוול איז אריין נאָר אין מיין נשמה? האָט זי, מאגדאלען, אין זיין נשמה ניט אַרויסגערופן געפילן און אין זיין מוח געדאנקען פון וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט? ווען זי האָט בא דער סעודה זיינע פיס געקושט, האָט ער גערופן שמעון׳ען און האָט געזאָגט: דו, שמעון, האָסט מיר ניט געגעבן קיין וואַסער פאר מיינע פיס, און זי האָט זיי מיט אירע טרערן געוואשן. דו האָסט מיר קיין קוש ניט געגעבן און זי האָט ניט אויפגעהערט מיינע פיס צו קושן.

מרתה: ער האָט געוואלט זאגן, ווי אונפריינדלעך שמעון איז געווען צו אים.

י ה ו ד ה : איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אים אַזעלכע רייד. ער האָט קיינמאָל פון מנהגים ניט גע־האַלטן און קיין כבוד ניט געזוכט. אין דעם משיח האָב איך אַ בשר ודם דערזען. יוחנן דער מטבל האט מיט קיין זינ־דיקע ניט געגעסן און זונות האבן זיינע פיס ניט געקושט און די האָר זיינע האָט ער מיט קיין בוימל ניט געשמירט.

מ ר ת ה : דו האָסט אים פיינט.

י ה ו ד ה : גיין, מרתה, גיין! איך בין ניט ווערט דאס בענדל אויף זיינע שיך צו פארבינדן, ער האָט מיך ענט־ציקט אפילו, ווען ער האָט מיט דער בייטש די הענדלער פון דעם בית המקדש געטריבן. אין דער רגע האָב איך געגלויבט, אז ער האָט אין זיך דעם פייער פון אַ קעמפער, אָבער דאס איז דאך געווען נאר איין ליכטיקער שטראַל אין דער פינצטערניש פון מיין צווייפלען.

מ ר ת ה : ווארום זאגסטו עס אים ניט?

י ה ו ד ה : יעדעס מאָל, ווען איך פרוביר מיין האַרץ צו עפענען און מיין ביטערקייט און האָפנונג אויסגיסן פאר אים, ווערט מיין צונג צום גומען צוגעקלעפּט.

מ ר ת ה : טאָ, פארלאָז אים.

י ה ו ד ה : אה, איך זאָל אים פארלאָזן און לאזן אַ פרייען וועג פאר דיר? איך בין צו קלוג פאר דיר, שרעק־סטו זיך פאר מיר, פאר דעם טייוול, וואס ווארפט זיין ליכט אויף דיינע טונקעלע מעשים? איך וועל ניט גיין, מרתה. איך וועל ניט גיין, אפילו ווען אייערע וועגן זענען מיר פרעמד, אפילו ווען איך קאן ניט ווארטן אויף מיין חלק אין הימלישן קעניגרייך, ווי אַ בעטלער ווארט אויף אַ בעכער זיסן ווייַן.

מ ר י ם : (לויפט אַריין) זיי קומען שוין, מרתה. וואו איז אליעזר?

מ ר ת ה : איך וועל גיין באַגעגענען זיי.

(גייט אַרויס. מרים וויל אויך אַראָפּגיין פון דער ווע־ראַנדע אין הויף, פארשטעלט איר יהודה דעם וועג. מעסט זי אָפּ מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס).

מ ר י ם: (קוקט אויף אים פארוואונדערט) וואס קוקסטו אזוי אויף מיר?

(ער דערהערט זיך דאס רוישן פון שטימען)

י ה ו ד ה: אָט קומט שוין דער רבי מיט די תּלמידים. די היינטיקע סעודה האָט אויך, מסתּמא, עפּעס אַ ציל אונ־טער זיך. האָט מרתה עפּעס אַ נייעם וואונדער צוגעגרייט פאר דער סטאָדע?

מ ר י ם: דער וואונדער איז ער אַליין.

י ה ד ה: דעם וואונדער האָבן מיר שוין געזען.

מ ר י ם: מ'זעט די זון יעדן טאָג, און יעדן טאָג ווארעמען זיך די מענטשן אונטער אירע שטראַלן.

י ה ו ד ה: אָרעמע שעפעלע... אָרעמע בתולה...

מרים הויבט אויף צו אים אירע אויגן פול מיט טרערן. קוקט אויף אים אַ ווײַלע און גייט אַראָפּ די טרעפּ. אליעזר לויפט אַרײַן אַ באגײַסטערטער).

א ל י ע ז ר: אה... אה... דער רבי... דער רבי אַליין וואַשט די פיס פון די תּלמידים... אה... (צו יהודה) יהודה, דו גייסט ניט אַרויס צום רבין?

י ה ו ד ה: אייזל קאָפּ. (אליעזר קוקט אויף אים פאר־וואונדערט).

י ה ו ד ה: די נארישקייטן וועט דיך נאָך קאָסטן טייער. די פּרושים וועלן דיך דערהרגענען, וואס דו האָסט געוואגט אויפצושטיין תּחית המתים איידער דער שופר האָט געבלאזן. דאס צווייטע מאָל וועסטו שוין קיין תּחית המתים ניט אויפשטיין. כאַ־כאַ! (הויבט זיך האַסטיק אויף) אַוועק! אַוועק פון דאַנען!

(אליעזר שטאַמלט עפּעס אַ דערשראָקענער און לויפט אַרויס. יעקב קומט אַרויף אויף דער וועראַנדע. קוקט נאָך אליעזרן, וואס ווארפט זיין לעצטן בליק אויף יהודהן. יהו־דה זעצט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ).

י ע ק ב: וואָס האָט דיך אַזוי אויפגערעגט, יהודה?
י ה ו ד ה: דער אייזל אליעזר.
י ע ק ב: לאָז אים... אַן אומשולדיקע ריינע נשמה.
י ה ו ד ה: אַ מאַלפּע... אַ נאַרישע מאַלפּע איז ער.
י ע ק ב: אַלע זענען מיר באַשאַפן מיטן ווילן פון אונדזער פאטער אין הימל. לאָז אים... (שווייגט אַ ווײַלע). איך האָב דיך געוואָלט עפּעס פרעגן, יהודה.
י ה ו ד ה: פרעג.
י ע ק ב: מרים זיצט דאָרט אונטערן פייגנבוים און וויינט.
י ה ו ד ה: וואָס וויינט זי?
י ע ק ב: דאָס וויל איך וויסן.
י ה ו ד ה: וואָס פרעגסטו מיך?
י ע ק ב: זי האָט דערמאָנט דיין נאָמען, דענק איך, אַז דו ווייסט.
י ה ו ד ה: איך ווייס ניט פאַרוואָס זי דאַרף וויינען.
י ע ק ב: יהודה... מיר טראָגן אַף זיך אַ חוב. מיר קומען ווי פּרעדיגער, ווי נביאים צו לערנען די מענטשן, צו פאַנגען זייערע הערצער... און דו פאַרשוועכסט אונד־זער ציל, יהודה.
י ה ו ד ה: (קוקט אויף אים איראָניש) כאַ מיר קומען ווי נביאים צו פאַנגען הערצער! כאַ־כאַ־כאַ! דו, יעקב, דער פישער, אַ נביא!
י ע ק ב: יהודה, דו ביזט אונדזערער אַ ברודער און עס טוט מיר וויי.
י ה ו ד ה: עס טוט מיר אויך וויי און איך קאָן ניט העלפן.
י ע ק ב: דער רבי באַקלאָגט זיך, אַז דיין האַרץ איז ווי אַ טיפער ברונען, וואָס איז פאַרשלאָסן פאַר אים. ער האָט עס פיינט און... ער גלויבט דיר ניט. קיינער גלויבט ניט אין דיין אויפריכטיקייט.
י ה ו ד ה: איך ווייס.
י ע ק ב: איך וויל ניט פאַרבאַרגן פאַר דיר קיין זאַך,

יהודה. מע זאָגט . . . מ׳האָט דיך באַם כהן גדול אין הויף געזען. דו ווייסט דאָך, זיי זוכן דעם רבין און שטעלן נעצן פאַר אים, און דו . . .

י ה ו ד ה: ווי אַן אָפענער טויער איז דאס הארץ פון דעם מענטשן, ווען עס קומט דער בלבול, און ווי דער אויער פון אַ נאָדל שמאָל, — ווען עס קומט דער אמת.

י ע ק ב: האָסט ניט באַדאַרפט גיין צו אים אין הויף, מ׳קאָן נאָך עפּעס פאַרדעכטיקן.

י ה ו ד ה: איך בין געגאַנגען זען דאָרט אַ באַקאַנטן הענדלער פון בשמים און זאַלבן.

י ע ק ב: וואָס דאַרפסטו באַם הענדלער פון זאַלבן?

י ה ו ד ה: איך דאַרף דיר ניט זאָגן.

י ע ק ב: ס׳איז ניט די צייט צו רעדן פון דעם. איך ראָט דיר אָבער: זיי פאָרזיכטיק. דיין וועג איז אַ געפּער־ליכער און די גריבער זיינען טיפע. טרייסל אָפּ דעם שטויב פון דעם וועג אויף וועלכן דו האָסט זיך אָוועקגעלאָזט. קער זיך אום צוריק צום פּאַסטעך.

י ה ו ד ה: דער פּאַסטעך שלעפּט אייך און דאָס פאָלק ווי שטומע אָקסן צום יאָך פון אונטערטעניקייט. (הויבט זיך פּלוצים האַסטיק אויף) גלויבסטו יעקב, אז ער האָט מחיה מתים געווען אליעזרן?

י ע ק ב: איך גלויב.

י ה ו ד ה: (קוקט אויף אים מיט שפּאָט דורך די פאַר־זשמורעטע אויגן) און איך גלויב ניט. איך גלויב אָבער אין תחית המתים פון אַפאָלק. די נשמה פון דעם פאָלק איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט פאַרשפּיגן און פאַרשאָטן. דאָס פאָלק שטרעקט די הענט און רופט אַ דערלייזער. דאס פאלק וויל אַ פּאַסטעך, וואָס זאָל וויסן ווי צו היטן און צו רייניקן דעם קוואַל פון וועלכן זיי טרינקען. וואו איז אונדזער פירער וואס וועט פאַראייניקן אַלע קוואַלן אויף אַלע וועגן אין איין מעכטיקן און שטאַרקן שטראָם? וואו איז דער העלד? באַראבאַס איז אין תפיסה . . .

י ע ק ב: באראבאס . . . דערמאָרדעט צוויי רוימער און שוין אַ העלד געוואָרן.

י ה ו ד ה: (ווי ניט הערנדיק אים) אה, ווען ער קאָן ווערן דער באראבאס! זיי רופן אים דאָך שוין קעניג פון יהודה. זיי ווילן דאָך און דארפן אַ קעניג! טא זאלן זיי שטראמען צו אים, זאלן זיי פארזאמלען זיך בא זיינע פיס, זאלן זיי אַרויסקריכן פון זייערע לעכער, זאלן זיי אויפדעקן זייערע וואונדן, ווארטנדיק אויף וואונדער . . . און מיר, יא, מיר, יעקב, מיר וועלן דאן קומען און אין די הענט, וואס ציען זיך צום הימל, וועלן מיר שאַרפע שווערדן אריינ־לייגן. היבטער אים, וואס וועט שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט און וועט רופן דעם פאטער אין הימל, וועל איך אויסשמידן די כלי זין און פירן זיי צום זיג, צום זיג! צו באפרייאונג!

(יעקב קוקט אויף יהודהן פארוואונדערט, ווי ניט פאר־שטייענדיק, וואָס ער האָט געהערט. אָבער גלייך ווערט זיין פנים פארטונקלט. די אויגן בייז).

י ע ק ב: דו ווילסט שטיין הינטער אים און שמידן די כלי זין, און פירן דאס פאָלק צו באפרייאונג?! דו, יהו־דה? דעם קוואַל צוו וועלכן דער פאַסטעך פירט אונדז וויל־סטו מיט בלוט פארגיסן? . . .

י ה ו ד ה: (מיט גאַל) מיט בלוט פארגיסן! דער קוואל שטראמט דורך אונדזערע הערצער און שוין לאנג, אז ער איז רויט מיט בלוט. דער קוואל שטראמט דורך אונדזער ערד, דורך אונדזער ברויט, און אויך די ערד, און אויך דאס ברויט איז דויט פון בלוט. עס וואונדערט דיך און עס שרעקט דיך, וואס איך, יהודה איש קריות, וויל אויפהייבן די שווערד — וואָגט ער? קאָן דען אַ קעניג, וואס איז פארשקלאפט טראגן זיין קרוין? קאן דען אַ פאלק וואס איז ניט פריי, טראגן די ברכה פון אויסלייזונג?

י ע ק ב: ווי אַ לייב, וואס איז פארשפארט אין אַ שטייג, אַזוי חלומסטו פון אַ פרייער מדבר. און אין די

„ י ה ו ד ה "

צעוואונדעטע, שוואכע הענט פון פאלק ווילסטו אַ שווערד אַריינלייגן. ווילסט זיי פירן קעגן שטאַרקן שונא און זעסט ניט, אַז אונטן ליגט דער אָפּגרונט, פון וועלכן מיר וואלטן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט ארויסגעריסן. מיט דער־זעלבער שווערד וואָלטן זיי אונדז בליגד געמאַכט. ניין, יהודה, ניין! . . .

דער געדויש אין הויף ווערט שטאַרקער. עס הערן זיך אויסגעשרייען: הושנה צו משיח בן דוד! הושנה! הושנה.

יושעה פון נצרת, באַלויכטן פון די לעצטע זונשטראַלן, קומט אַרויף אויף דער ווערענדע אין דער באַגלייטונג פון זיינע תלמידים און פאַרערער. דערזעענדיק יהודהן און יעקבן, בלייבט ער שטיין.

יהודה גייט צו צו אים. בויגט אָן דעם קאָפּ אונטער יושעהס אויסגעשטרעקטער האַנט. יושעה שטייט אַ ווײַלע קוקט אויף יהודהן מיט זיין גוטן שמייכל און לאָזט זיך גיין אין הויז. אַלע גייען אים נאָך.

די זון פאַרגייט הינטערן באַרג. שנעל פאַלט דער אָוונט. בלוילעכער און טונקעלער ווערט דער געגנט און נאָר די שיין פון דער אָפּענער טיר פאַלט ווי אַ ליכטיקער פאַס אויף דעם דיל פון דער ווערענדע.

רוישיק איז אין הויז. עס קומען עפעס טענער פון אַ ניגון, וועבן זיך איין אין סעודה׳קן געדויש מיט זייער אָריענטאַלישן צויבער. מרים קומט אַרויף פון הויף. גייט לאַנגזאַם, פאַרטראַכט און טרויעריק. גייט צו צו דער טיר. שפּאַרט זיך אָן און הערט. עס ווערט פלוצים שטיל. עס הערט זיך נאָר יושעהס שטימע:

„פאָטער אין הימל, געהייליקט זאל דיין נאָמען זיין. זאל דיין ווילן זיין אויף דער ערד, ווי אויף דעם הימל . . . גיב אונדז טעגלעך אונדזער ברויט און פאַרגיב אונדז אונדזערע שולדן, ווי מיר פאַרגיבן זיי. פיר אונדז ניט צו קיין נסיון און זיי אונדז מציל פון דעם שטן, אָה, פאָטער אין הימל . . . "

מרים צעבויפגעלייגט די הענט אין געבעט, לאזט זיך אַראָפּ אויף דעם דיל בא דער טיר. אויף אירע ליפּן שיינט אַ שמייכל, אַ ליכטיקער שמייכל פון אונשולד און ליבע.

די שיין פון אַ פאַקעל פארדויטלט פלוצים די צורה פון נאַכט. עס באוויזט זיך מאגדאלען אין דער באגלייטונג פון אַ האלב־נאַקעטן קנעכט,וועלכער טראגט אין איין האנט דעם פאקעל און אין דער צווייטער האנט אַן אַלעבאַסטער קרוג. שטעקט אריין דעם פאקעל אין דער ערד. בלייבט שטיין ווארטענדיק. מאגדאלען גייט אַרויף אויף דער וועראנדע. דערזעט מרים׳ן און בלייבט שטיין.

מ אַ ג ד אַ ל ע ן: פרידן צו דיר . . . ביזטו מרתה׳ס שוועסטער ?

מ ר י ם: יאָ, שוועסטער. קום מיט פרידן אין אונדזער הויז.

מ אַ ג ד אַ ל ע ן: איך בין מאַגדאַלען. איך בין גע־קומען זען און הערן דעם נביא. אונטער זיינע בליקן מיין האַרץ היילן און מיין נשמה לייטערן.

מ ר י ם: ער איז אין הויז מיט די תלמידים.

מ אַ ג ד אַ ל ע ן: אָה, ווי הייליק דאָ איז . . . ווי גוט און רואיק.

מ ר י ם: קום נעענטער, ער רעדט איצט.

מ אַ ג ד אַ ל ע ן: ווי גליקלעך איר זענט, וואס ער רוט אונטער אייער דאַך, וואס ער טרינקט פון אייער וויין און עסט פון אייער ברויט. אה, איך וואלט מיין לעבן גע־אָפּפערט ער זאל נאָר אויף איין אויגנבליק מיין שוועל אַריבערטרעטן. אה, איך בין אַ זינדיקע און איך קאן ניט האָפן עס זאָל אַמאָל געשען.

מ ר י ם: ער האָט שוין פארגעבן דיינע זינד, שוועס־טער. איך וועל גיין ברענגען וואסער צו וואשן דיינע מידע פיס . . . דערנאָך וועלן מיר צום לערער גיין. (גייט אַוועק).

מאַגדאַלען גייט אַראָפּ עטלעכע טרעפּ. גיט אַ צייכן דעם קנעכט. ער טראגט איר צו דעם אַלעבאַסטער קרוג. אין

„ י ה ו ד ה "

דער רגע באווייזט זיך אויף דער טיר יהודה. לויפט האַס־טיק אראָפּ די טרעפּ צו מאגדאלען.

י ה ו ד ה : וואס ווילסטו דאָ?

מ א ג ד אַ ל ע ן : איך בין געקומען דעם נביא זען.

י ה ו ד ה : (נעמט די אָן בא דער האַנט) צו וואס איז דער אַלעבאסטער קרוג מיט זאַלב, וואס איך האָב פאר דיר געקויפט?

מ א ג ד א ל ע ן : פאר אים.

י ה ו ד ה : איך האָב עס פון דיינטוועגן געקויפט. גע־מיינט, דו וועסט דיין לייב שמירן.

מ א ג ד א לע ן : דער בוימל וועט רינען טראָפּנווייז פון מיינע פינגער אויף זיינע צעוואונדעטע פיס.

י ה וד ה : זיבן טייוואָלים, זאגן זיי, זיצן אין דיר און קוקן אַרויס פון דיינע אויגן. ניין, ניט זיבן! זיבן מאָל זיבן, מאגדאלען.

מ א ג ד א ל ע ן : און דו ביסט אויך געפאלן גלייך אַ באהערשטער פון זיי — און דיינע אויגן האָבן געברענט פון תאוה, ווען דער המון האָט געריסן פון מיר מיין מלבוש און ענטבלויזט מיין נאקעטקייט. און דו ביזט גלייך צו מיין הויז געקומען און האסט געטיילט מיט מיר מיין געלעגער, און האָסט פאַר מיר אָט דעם קרוג מיט זאַלב געבראַכט. אַלעמען, אַלעמען האָבן זיי באַהערשט, די טייוואָלים מיינע . . . ער אָבער, דער נביא, האָט אָפּגעקערט זיין בליק פון מיר . . .

י ה ו ד ה : ער האָט אָפּגעקערט זיין בליק פון דיר ווייל אין די אויגן פון די צבועקעס, וואָס האָבן דיך גע־בראַכט צו אים, האָט ער דערזען דעם ים פון תאוה, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַליין דערשראָקן. און דער־פאר האָט ער אַזוי גוט געלייענט זייערע געדאנקען און קלוג און מוטיק ענטבלויזט זייערע נשמות, ווען ער האָט באפוילן, אז דער וואס איז אָן אַ זינד, זאל דער ערשטער אין דיר אַ שטיין ווארפן.

מ א ג ד א ל ע ן: וואלסטו געקענט פארגעבן מיינע זינד, ווי ער האָט עס געטאָן?

י ה ו ד ה: איז דען זינדיק אַ קוואַל פון וועלכן אַ דורשטיקער קאָן טרינקען?

מ א ג ד א ל ע ן: שוין צו פיל דורשטיקע.

י ה ו ד ה: (בויגט זיך צו צו איר) ווייניק אַזעלכע קוואלן אין די בערג און שטעט פון יהודה. איך האָב פיל געזען, געטרונקען פון פילע קוואַלן, געטאַנצט אין ליבע קרייז מיט די שיינע טעכטער, פון גרויסן רוים, מיט שווארצאויגיקע און שלאנקע גריכישע בתולות . . . און נית ירושלים, ניט רוים און אפילו ניט אלעקסאַנדריא האָבן נאָך געזען אזא צווייטע מאגדאלען ווי דו.

מ א ג ד א ל ע ן: דיינע ווערטער זיינען זיס ווי האָ־ניג, איך גלויב דיר אָבער ניט. דו ביזט אָבער אַ ווילדער, אַ טייוול, און איך האָב ליב צו הערן ווי דו רעדסט. אין דיר, ווי אין מיר, קעמפן טייוואָלים מיט מלאכים.

י ה ו ד ה: דיינע טייוואָלים זיגן שטענדיק.

מ א ג ד א ל ע ן: יא, זיי האָבן שטענדיק געזיגט, אָבער ניט איצט. איצט האָט ער געזיגט.

י ה ו ד ה: ביין, מאגדאלען, זיין זיג איז ווי דער אויפ־גאַנג פון דער זון. די זון פאַרגייט אָבער און די נאַכט קומט ווידער. ווי אַ ווילדע קאַץ וועסטו זיין ביי זיינע פיס; ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן, פון וועלכן אַ שאַרפע פייל איז יעדע רגע גרייט זיין האַרץ צו טרעפן. ווייל איך קאָן דיך מאַגדאַלען: דו באַגערסט אים. איך קען דיין רייץ. כ׳האָב שוין געזען: דיינע ווייסע טויבן, וואס האָבן מיך געבראכט צו דיין געלעגער, האָבן שוין געשטרעקט די ראָזע שנאָב־לען זייערע צו דעם מאָן פון נצרת און האָבן שוין אַריינ־געמורמעלט אין זיינע אויערן די סודות פון זייערע נעסטן.

מ א ג ד א ל ע ן: ער האָט ניט געקוקט אויף מיר.

י ה ו ד ה: און ער וועט ניט קוקן. און אויב דו וועסט ווידער וואַשן זיינע פיס, וועט ער ווידער באהעפטן זיך מיט דעם פאטער אין הימל און מלאכים וועלן אַראָפּנידערן

און וועלן צערייסן דיינע נעצן. און איך זאג דיר: ס'איז לייכטער פאר אַ קעמל דורכצוגיין דעם אויער פון אַ נאָדל איידער אַ פרוי צוצוקומען צו זיינע ליפּן. פארגעס אָן אים, מאגדאלען. זעסט, די זון איז שוין פארגאנגען און דער בין השמשות טוליעט זיך צו דער נאַכט און מיין האַרץ איז ווי אַ רויטער שייטער אויוון אין דער בלויער מדבר. קום מיט מיר, מאגדאלען . . . קום . . . איך וועל פּואנדערפלעכטן דיינע האָר פון גאָלד און איך וועל קושן דיינע ליפּן, וואָס שמעקן מיט רויזן און מירא . . . קום . . .

מאגדאלען: ניין, יהודה . . . ניין . . .

יהודה: קום . . . די נאַכט וועט אַראָפּנידערן אויף אונדז מיט טרייסט . . . מיט אונדזערע פארבאָרגענע פייערן וועלן מיר די פינצטערניש באַלויכטן. אונדזערע הערצער וועלן זיך צוזאַמענגיסן מיט הייסן בלוט . . . מיט אונדזערע ליפּן וועלן מיר טרינקען דעם זיסן וויין און מיר וועלן זיך פארשיכורן . . . פארגעסן . . . און ווען די הע־נער וועלן קרייען צו דער ערשטער און צו דער צווייטער אשמורה, וועסטו אָנלענען דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט און דער שלאָף וועט דיך פארטראָגן אין זיסע חלומות. מאג־דאַלען, שטערן פון מגדלה . . . קום . . .

מאגדאלען: ניין, יהודה . . . גיי! מיין ליבע האָב איך געהאלטן אונטער שאטנס פון פילע בוימער און איך בין געווען צופרידן, ווען די דורשטיקע לייבן־וואָנ־דערער זענען געקומען צו מיין אָאזיס און זענען אַוועק־געגאנגען מיט ביינקעניש נאָך מיר. אויך דו, יהודה, ביזט געקומען ווי אַ וואנדערער און געטרונקען פון מיין קוואַל. מיין האַרץ, יהודה, איז ווי אַ זאַק געווען אין וועלכן איך האָב אויסגעמישט אַזוי פיל זיסע און ביטערע וויינען. און איך האָב אייך אַלעמען פון מיין וויין געגעבן טרינקען. געקוקט ווי איר ווערט שיכור און אַליין געבליבן ניכטער. אין אַ יעדן פון אייך האָב איך געזוכט דעם ריינעם קוואַל און האָב ניט געפונען. און איצט איז ער געקומען און מיין האַרץ געלייטערט. ווי אַ דורשטיקע לויף איך איצט צום

קוואַל מיינע זינדיקע בלוטן אַפּצופּרישן . . . און דו, יהודה, גיי . . . גיי . . . לאָז מיך מיט אים.

י ה ו ד ה: אויף אַלע וועגן מיינע, וואו איך טו נאָר טרעטן, הער איך דיין שטימע. עס האָט מיך געפאַנגען דיין גאַנג, דיין בליק, דיינע ווייסע בריסטן און דיין געלעכטער — אָה, מאַגדאַלען, לאָז מיך זיין בײַ דיינע פּיס און אָפּהיטן דעם ריינעם קוואַל, וואָס האָט אָנגעהויבן שלאָגן פון דיין האַרץ. אַ געטרייער שומר וועל איך זיין פאַר דיר. עס וועט גרינגער ווערן דער יאָך אויף מיינע פּלייצעס און עס וועלן באַשיינט ווערן מיינע טעג און נעכט מיט דער ליכטיקייט פון דיין קשמייכל. אָה, מאַגדאַלען . . .

(וויל זי אַרומנעמען)

מ א ג ד א ל ע ן: ריר מיך ניט אָן! ריר מיך ניט אָן! איך האָב אַ נדר געגעבן ניט צו זינדיקן מער.

י ה ו ד ה: איך וויל דיך אין מיין הויז נעמען און אַ ווייב וועסטו זיין צו מיר.

מ א ג ד א ל ע ן: ניין, יהודה . . . גיי! מיט טויזנטער טויערן האָט זיך מיין ליבּ פאַר אייך געעפענט, אָבער צו מיין קדשי קדשים האָט קיינער פון אייך דעם וועג ניט געקאָנט געפינען. נאָר ער, נאָר ער האָט אים געפונען. האָב איך געוואַשן זיינע פיס מיט מיינע טרערן און געטריקנט זיי מיט מיינע האָר . . . איצט וועל איך זיינע פיס מיט דער שמעקנדיקער זאַלב שמירן און וועל זיי קושן מיט מיינע זינדיקע ליפּן.

י ה ו ד ה: ניין . . . ניין . . . ניין . . . טו עס ניט!

(רייסט אַרויס דעם קרוג פון אירע הענט. וויל אים צעשמעטערן אויפן דיל. דערזעט פּלוצים מרים'ן וואָס האָט זיך באַוויזן מיט אַ קרוג וואַסער. לויפט צו צו איר).

י ה ו ד ה: מרים, זי האָט דיר אַ מתנה געבראַכט . . . אַ קרוג מיט שמעקענדיקער זאַלב פאַר דיינע האָר . . .

מ ר י ם: (אין פאַרלעגנהייט. נעמט פון זיינע הענט דעם קרוג) צו וואָס? . . . איך שמיר ניט מיינע האָר מיט שמעקענדיקער זאַלב.

יהודה: נעם, נעם... גיי וויז עס מרתהן. מיר וועלן אויך באלד קומען.

(שטופט זי אַרויף די טרעפּ אין הויז אַריין).

מאגדאלען: לויפט אַרויף צו אים. אירע אויגן ברענען מיט צאָרן) טייוול...

(לאָזט זיך צו צו דער טיר. בלייבט שטיין אויף דער שוועל. אויף איר פּנים צעגיסט זיך פּלוצים אַ צופרידענער שמייכל. יהודה גייט האַסטיק צו צו איר. קוקט איבער איר אַקסל אין שטוב אַריין).

מאגדאלען: זעסט... זעסט... מרים באַ זייַנע פיס. שמירט אים מיט דער זאַלב... די דופטן שפּרייטן זיך... זע... זע! זי שמירט זיינע פיס און ווישט זיי מיט אירע האָר... קוק... קוק! זי האָט זיך אויפגעהויבן... זי האָט גענומען דעם אַלבאסטער קרוג אין אירע הענט... זי וועט באלד דעם ליידיקן קרוג אויף שטיקלעך צעשמעטערן... זעסט... זעסט...

דער קלאנג פון דעם צעבראכענעם קרוג מישט זיך אויס מיט לויב־געשרייען: הושענה צו משיח בן דוד! הושענה! ווס דערהערט זיך מרתהס אויסגעשריי: הושענה צום קעניג פון יהודה! הושענה! מאגדאלען קוקט אויף יהודהן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

יהודה: פאר דריי הונדערט דינארן זאַלב אויסגעשמירט אויף זיינע פיס... אויף די פיס פון אַ נביא...

(כאַפּט פּלוצים אַראָפּ דעם שטריק וועלכן ער האָט געטראָגן אויף זיינע לענדן און הויבט אָן שלאָגן מאגדאלען מיט ווילדער רציחה. זי פאַלט אויף אירע קני, פאַרשטעלנדיק איר פּנים מיט די הענט. עס דערהערט זיך איר קרעכץ פון ווייטאָק, וואָס גייט איבער אַלץ מער און מער אין אַ היסטערישן געלעכטער. יהודה בלייבט פּלוצים שטיין, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ בייזן חלום. קוקט זיך איין אין אירע נאַקעטע אַקסלען. כאַפּט זי אָן בײַ די פוראַנדערגעלאָזטע האָר און פאַלט צו צו אירע ליפּן ווי אַ

דורשטיקער. — רייסט זיך האַסטיק אָפּ פון איר. — נעמט זי אויף די הענט און גיט אַ צייכן דעם קנעכט.
— דער קנעכט קומט צו, נעמט צו מאגדאלען אויף זיינע הענט און גייט מיט איר אַוועק. יהודה בלייבט אַליין אויף די טרעפּ פון דער וועראנדע. ציט איין ביז דעם שטריק אַרום זיינע לענדן. די באוועגונגען שנעלע. די אויגן ברענען מיט פייער און פון זיינע ליפּן רייסן זיך פּאַר־שטיקטע אומפּארשטענדלעכע ווערטער. אויף דער טיר באווייזט זיך יושעה. קומט אַרויס נענטער אויף דער וועראנדע נאָך אים קומען אַרויס די תלמידים, מרתה, מרים און געסט. שטייען אַלע הינטער יושעהן, מיט אויסגעצויגענע קעפּ, מיט נייגיריקע בליקן, ווי דערוואַרטנדיק עפּעס. יהודה באמערקט זיי ניט.

(יהודה טוט זיך אַדריי אויס. האַסטיק. שטייט אַ ווײלע ווי פּארוואונדערט. לאָזט זיך לאַנגזאַם מיט ענטשלאָסענע טריט און צענויפגעקלעמטע פויסטן אַרויף צו אים).

יושעה: **עפּן דיין האַרץ פאר מיר, יהודה . . .**

יהודה: בלייבט שטיין ציטערנדיק פון אינערליכער אויפרעגונג. רעדט אָבער שטיל) **מיין האַרץ איז אָפן, רבי . . . אָפן, ווי דער מדבר . . . קוק אַריין . . . קוק אַריין און זע זיך דאָרטן . . .**

יושעה: **איך זע.**

יהודה: **זעסט דעם נביא? זעסט? זעסט דעם נביא, וואס פּרעדיקט, אז מ'דאַרף פון זיך דעם לעצטן מלבוש אַראָפּנעמען און דעם אָרעמאַן אַוועקגעבן?**

יושעה: **אַזוי, יהודה . . . אַזוי . . .**

יהודה: **דו האָסט ניט באַדאַרפט דערלאָזן זי זאָל מיט אַזאַ טייערן זאַלב דיינע פיס שמירן . . . דו ווילסט אויך כבוד . . . רבי . . .**

יושעה: **יהודה . . .**

יהודה: **דער בן אדם האָט צו שפּאָט געמאַכט דעם משיח בן דוד! צו שפּאָט, רבי . . .**

(פון צווישן די פּאַרזאַמעלטע לאָזט זיך אַרויס יעקב.

גייט ווי אַן אַנגעצונדענער אַראָפּ צוויי טרעפּ צו יהודהן. בלייבט שטיין געגן אים אויף אַ ווײַלע, דורכנעמנדיק אים מיט זיינע בליקן און גיט אים פּלוצים אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק. יהודה טוט זיך אַ וואַקל. זיינע הענט ציען זיך קאַנוואולסיוו אַרויף צו יעקבס האַלדז. און פּונקט אזוי לאָזט ער זיי פּלוצים אַראָפּ און דרייט לאַנגזאַם אויס זיין לינקע באַק צו יעקבן. יעקב טרעט אָפּ לאַנגזאַם צוריק אויף זיין פּלאַץ).

י ה ו ד ה: זעסט, יושעה? זעסט? כאַ־כאַ־כאַ! זעסט? ווי פרימאָרגנדיקער טוי אונטער הייסע שטראַלן פון דער זון — אַזוי זענען דיינע ווערטער. ווי ווייסער שוים אויף שטורמדיקע כוואַליעס,—אַזוי איז דיין לערע . . . זעסט . . . כאַ־כאַ־כאַ! זעסט? . . .

יושעה גייט אַראָפּ די טרעפּ, דערנענטערט זיך צו יהו־דהן, לעגט שווייגנדיק אַרויף זיין האַנט אויף יהודהס אַקסל, שטייט אַזוי אַ ווײַלע און לאָזט זיך גיין צום באַרג. די תל־מידים נאָך אים.

מרתה און מרים גייען אַריין אין הויז. יהודה בלייבט אַליין. לאָזט זיך אַראָפּ אויף די טרעפּ און פארשטעלט דאס פּנים מיט די הענט. זיצט אַזוי אַ לאַנגע צייט.

ווי אַ ווייסער שאָטן מיט אַן אָנגעצונדענער מנורה אין דער האַנט באַווייזט זיך מרים, בלייבט שטיין אויף אַ ווײַ־לע און גייט צו צו יהודהן.

מ ר י ם: יהודה . . . פארוואס ביזטו ניט געגאַנגען מיטן רבין . . . זעסטו דען ניט . . . זיין האַרץ איז מיט דיר.

י ה ו ד ה: איך זע.

מ ר י ם: און דיין האַרץ, יהודה?

י ה ו ד ה: מיין האַרץ? מיין האַרץ . . . ער האָט מיך געטראָפן אין דער רגע פון הפקרות, ווען דאס האַרץ איז אָפן און די ביטערקייט גיסט זיך ווי בלוט פון אַן אָפע־נער וואונד.

מ ר י ם: ער האָט דיר פארגעבן.

י ה ו ד ה : יאָ, און געעפנט מײנע אויגן. (שווייגט אַ ווײַלע) איך זע איצט . . . איך זע איצט קלאָר : ניט ער, דער טרייסטער קאָן אויפהייבן אַ שווערד, און ניט איך, יהודה איש קריות, בין דער, וואָס וועט הינטער אים די כלי זיין שמידן. ווייל איך האָב דערפילט, איך האָב אַזוי קלאָר דערפילט; אַז זיין הארץ — איז מיין האַרץ, און זיין בלוט, איז מיין בלוט, און אַז איך, ניט יעקב, בין זיין אמתער, געטרייער תלמיד· און ווען יעקב וועט מיך שלאָגן אין דער רעכטער באַק, וועל איך ווידער אונטער־שטעלן מיין לינקע באַק. ווייל בלוט אין צאָרן — ווערט געדיכטער הייסער פעך אין די אָדערן. און אונטער זיינע בליקן האָט מיין בלוט געריננען, ווי אַ שטראָם פון וואַרימע טרערן. און אַזוי ווי אין דער מנורה דער בוימל, אַזוי וועט זיין מיין טאָט — איך וועל ניט מישן אים מיט בלוט. יאָ, דאָס האַרץ פון מיין פאָלק איז שוין געשוואָלן פון צער און די דערלייזונג איז ווי אַ כוואַליע אין ים . . . אָט קומט זי — און ווערט גלייך פאַרשלונגען. די טרייסט אָבער איז ווי די זון. זי פאַרגייט — און גייט אויף ווידער און מיין פאָלק וועט זיך שטענדיק וואַרימען אונטער אירע שטראַלן. אָה, יושע, איך וועל אַרויסקוועטשן דעם לעצטן טראָפּן סם פון מיין האַרצן. איך וועל אַראָפּרייסן פון מיינע ליפּן די ווערטער, וואָס האָבן געלעסטערט און איך וועל טראָגן אויף זיי מיין קוש צו דיר . . . מיין קוש אויף דיין בלייכער באַק . . .

מ ר י ם : זיי געבענשט, יהודה.

(ער הויבט זיך אויף ווי אַ דערוואַכטער און לאָזט זיך גיין צום באַרג).

מ ר י ם : (בלייבט אַליין מיט דער מנורה אין האַנט. שטייט מיט פאַרמאַכטע אויגן. שעפּטשעט שטיל)

אַ קוש אויף זיין בלייכער באַק . . . אַ קוש אויף זיין בלייכער באַק . . . .

אַ קוש . . .

אַ קוש . . .

„ראפסאדיא אַמעריקאַנא"

נאַכט. צווישן די אייזערנע און שטיינערנע קאָלאָנעס פון בריק זעט זיך אַ פייערל. אַרום דעם פייער מענטשן מיט סימאָנים פון נויט און אָרעמקייט. אייניקע זיצן אַרום דעם פייער אַנדערע שטייען. בא דער וואַנט פון בריק — אַ בײדל צונויפגעקלאַפּט פון אלטע קעסטלעך, פון שטי־קער האָלץ און בלעך, בא דעם בײדל זיצט אַ פרוי — פאַרטראַכט. פון ווייטנס הערט זיך דער שטאָטישער גע־רויש. אַ באַן לויפט ערגעץ דורך. די סירענע פון אַ פייער־מאַשין יאָמערט ערגעץ ווייט, ווייט . . .

אין הינטערגרונט פון בריק שטייען ווי הויכע בערג, באלויכטן מיט טויזנטער פייערלעך, די סילועטן פון הי־מלקראַצערס. ווי אַ ריזיקער וועכטער שטייט נאָענט באַם בריק אַ הימלקראַצער — האָטעל, וואָס שניידט דעם פאַרנאַכטיקן הימל מיט אַמעכטיקן ליכט פּאַס פון פּראַ־זשעקטאָר. פון ווייטנס בליצט אַן עלעקטרישער שילד: „סענטשורי אָף פּראָגרעס" . . . אַנגעשפּאַרט אָן די פּאַ־רענטשעס פון בריק שטייען מענטשן, ווי שאָטנס. אייני־קע גייען, אַנדערע קומען. שטייען אַ ווײלע, קוקן אַראָפּ, ווייזן אָן מיט די הענט אויף דעם בײדל, לאַכן שטיל און גייען אַוועק. באַם פייער ווערט פּלוצים אַ טומל און אַ געשלעג. עס דערהערן זיך געשרייען און אַ פייפעריי. אייני־קע פּרואוון פונאַנדערנעמען די שלעגער, אַנדערע, פאַר־קערט, רייצן זיי, הוכקען און שרייען ווילד. דאס געשלעג געדויערט אָבער ניט לאַנג.דאָך הערן זיך נאָך זידל ווער־טער. איינער טײלט זיך אָפּ פון דעם רעדל, גייט אַוועק אָן אַ זייט און רייבט דאס צושלאָגענע אויג. גייט צו צום לאַמ־טערן, שפּייט אויף דער דלאָניע און קוקט זיך איין צו ס,איז ניטאָ קיין בלוט. ווישט אָפּ די האַנט אָן די הויזן

און פּרואווט אַ צאָן אין מויל, צו ער שאָקלט זיך ניט, פון דעם רעדל אַרום פייער רופט מען אים: **העי, דעיגאַ, העי! קום אַהער!**

ער קוקט זיך ניט אום. לאָזט זיך אַרויפגיין מיט די טרעפּ אויף דעם בריק. סלים, אַ הויכער און דאַרער, גייט אים נאָך. רופט אים:

ס ל י ם: וואַרט, דעיגאַ, וואַרט. איך דאַרף מיט דיר רעדן. איך האָב ביזנעס צו רעדן.

(דעיגאַ ענטפערט ניט. גייט אַרויף אויף דעם בריק און פאַרשווינדט.)

ס ל י ם: (בלייבט שטיין אויף די טרעפּ. קוקט אַרויף ווענדעט זיך צו איינעם, וואס שטייט באַם פאַרענטש) העי, באדי, האסט אַ סיגאַרעטל?

(דער באַם פאַרענטש ענפערט גאָרניט. נעמט אַרויס אַ סיגאַרעט. וואַרפט אַרונטער. סלים כאַפּט אים אונטער, סאַ־לוטירט. פאַררויכערט. שטייט אַ ווײַלע און טראַכט. גייט צו צו דער פרוי, וואָס זיצט באַם ביידל.)

ס ל י ם: וועלל... דזשאַנעט, דיין מאַנדל האָט דיך אַוועקגעוואָרפן. ער וועט שוין ניט צוריקקומען, דיין ביל

ד ז ש אַ נ ע ט: ניט דיין געשעפט.

ס ל י ם: אַוואַדע איז דאס ניט מיין געשעפט, אָבער צו יעדער צייט בין איך גרייט צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

ד ז ש אַ נ ע ט: אויף דעם בייסאַוילעם.

ס ל י ם: דו וועסט זיך נאָך בעטן אַמאָל.

(זי ענטפערט ניט. ער זעצט זיך אַנידער לעבן איר, פּרובירט צורוקן זיך נענטער. זי הויבט זיך אויף און גייט אַריין אין ביידל. לייגט ער זיך אַנידער פאַרוואָרפט אַ פוס איבער אַ פוס און רוקט אַראָפּ דעם הוט איבער די אויגן. בילל קומט אָן. דערזעט סלימען ליגן באַם אַריינגאַנג, שפּאַנט ער אַריבער איבער אים און גייט אַריין אין ביידל.

דאָס רעדל מענטשן באַם פּיער ווערט קלענער. ווער עס גייט אַוועק אין דער טיף הינטער די קאָלאָנעס, און ווער אַרויף דעם בריק.

סלים הייבט אויף דעם קאָפּ. קוקט זיך אַרום. הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, שטייט אַ ווײַלע, קראַצט זיך, לאָזט זיך גיין צו די טרעפּ. בלײַבט ווידער שטיין און קוקט זיך איין אין אַ ווינקל. קוקט לאַנג, און לאָזט זיך פּלוצים אַהינצו. בלײַבט שטיין בײַ דעם פינצטערן ווינקל, וואו עס ליגט אַ מענטשליכער קנויל, אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס און אין צײַטונגען. בייגט זיך אָן. קוקט זיך איין. טרייסלט דעם מענטשן באַם אַקסל : **העי! העי! העי!** שטייט אַ ווײַלע אַ פאַרוואונדערטער, קוקט זיך ווידער איין. שרייט צו די מענטשן באַם פּייער : **העי! קומט אַהער! טאָם איז טויט . . .**

(אַלע לויפן צו. קוקן זיך איין אין טויטן)

א י י נ ע ר : טויט? וואָס מיינסטו טויט?

אַ צ ו ו י י ט ע ר : טויט, ווי אַלע טויטע.

אַ ד ר י ט ע ר : פון הונגער, פון קעלט . . .

ע ר ש ט ע ר : אַ שאָד . . . אַ גוטער מאַן געווען דער אַלטער.

(ביל קומט אַרויס פון ביידל. דערזעט דאָס רעדל אַרום דעם טויטן, גייט ער אויך צו)

ב י ל ל : טויט?

ס ל י ם : ניין . . . ער מאַכט זיך אַזוי. (קערט איבער דעם טויטן. טאַפּט אים מיט די הענט)

ב י ל ל : מ'דאַרף מעלדען דער פּאָליציי.

ע ר ש ט ע ר : איך ניט.

צ ו ו י י ט ע ר : ער איז שוין דער צווייטער דאָ, דעם כוידעש.

ס ל י ם : איך וועל וועטן, אַז דו וועסט זיין דער דריטער.

צ ו ו י י ט ע ר : אַ, יע? . . .

דריטער: בעסער אַזוי. איידער וואַלגערן זיך ווי אַ קרעציקער הונט, איז שוין בעסער ווי דער אַלטער — אַוועקצופייגערן.

ביל ל: וועגן דעם וועלן מיר נאָך זען. דערווייל דאַרף מען מעלדן דער פּאָליציי. מ׳קאָן אים ניט לאָזן דאָ ליגן אַזוי.

סלים: אלרייט, בילל, גיי רוף אַ פּאָליסמאַן. איך קאָן זייער פּאַרצעף ניט אָנקוקן. ס׳כאַפּט מיך אינוועניק, ווען איך דערזע אַ „קאָפּ״.

ביל ל: (שטייט אַוויילע פאַרטראַכט. שטאָפּט אָן די ליולקע מיט טאַבאַק און לאָזט זיך גיין אַרויף צום בריק.)

סלים: בויגט זיך אָן איבער דעם טויטן. זוכט אין די קעשענעס.) מ׳דאַרף זען, וואָס ער האָט אין די קעשע־נעס, דער אַלטער. מ׳קאָן קיינמאָל ניט וויסן. איך האָב אַ סך מאָל געהערט, ווי אַט אַזעלכע שטאַרבן אַוועק ערגעץ הינטער אַ פּלויט און דערנאָך געפינט מען טויזנטער פּאַר־נייט בא זיי אין די פּאָלעס. שלעפּט אַרויס פון אַלטנס קע־שענע א ליולקע, אַ פּעקעלע טאַבאַק און צוויי סענט) אַ פּאַרמעגנדל, אַ?! אַ פיין פּאַרמעגנדל געלאָזט דער אַלטער. אַ ליולקע . . . אַ פּעקעלע טאַבאַק און . . . צוויי סענט . . . מיינע הערן, צוויי סענט! צוויי סענט! וועלל . . . איך דיינק, אַז איך בין דער געזעצלעכער יורש. (וויל עס אַריינלייגן צו זיך אין דער קעשענע.)

דריטער: לייג עס צוריק, צו אַלדע רוכעס, און לאָז אָפּ דיינע וויצן! וואָס איז די פריד אויף דיר?! לייג עס צוריק און האַטשעפּע ניט . . .

סלים: אלרייט, אלרייט . . . ביזט עפּשער, גערעכט (לייגט צוריק די זאַכן, זיפצט אָפּ קאָמיש) אַ־כאַ־כאַ! מיך וועט מען אַמאָל אויך געפינען אַזוי . . . אונטער אַ בריק, און איך וועל אויך ליגן, עפּשער, אַט אַזוי ווי דער אַלטער און וועל וואַרטן אויף אַ „קאָפּ״ און וועל זיך ניט קאָנען רירן, אַפילע.

ערשטער: וואָס איז דער אונטערשייד דאָ צו

דאָרט. אַז מ׳פּייגערט איז שוין אַלץ איינס וואו מ׳פּייגערט. בעסער לאָז מיך לעבן ווי אַ מענטש דאַרף לעבן—שטאַרבן אַרט מיך ניט אַפילו אָט אַזוי.

ד ר י ט ע ר : אַז מ׳לעבט ווי אַ מענטש, שטאַרבט מען ניט אַזוי. און אַז מ,שטאַרבט אָט אַזוי, האָט מען געלעבט ווי אַ הונט. אָט די דאזיקע, דאָרט אין האָטעל וועלן ניט אַראָפּקומען אַהערצו שטאַרבן. און מעגסט זיין זיכער, אַז אַפילו ווען זיי וועלן שטאַרבן, וועלן זיי אויסקוקן שענער ווי דו אַ לעבעדיקער.

ע ר ש ט ע ר : מיך אַרט ניט וואו איך זאָל ניט שטאַרבן, אַבי ניט אויף דעם עלעקטריק טשער.

(פוןביידל קומט אַרויס דזשאָנעט, גייט אויך צו צום רעדל מענטשן און בלייבט שטיין אַ דערשראָקענע.)

ד ז ש אָ נ ע ט : וואָס איז געשען ?

ס ל י ם : טאָם איז אַוועק אין גאַנעדן אָן אַ גוד־ביי, אַפילו.

ד ז ש אָ נ ע ט : טויט ?

ס ל י ם : ווי אַ הערינג. ביל איז געגאַנגען רופן די פּאָליציי.

ד ז ש אָ נ ע ט : צו וואָס ?

ס ל י ם : צו וואָס ? וואָס האָסטו געוואָלט מ,זאָל פון אים מאַכן אַ מאַלציים דאָ ?

ע ר ש ט ע ר : וואָס זשע מיינסטו ? איך דיינק עס גייט צו דעם.

פ ע ר ט ע ר : כע! פון דיר וואָלט אַ טייערער מאָל־צייט געווען. ביזט אַ פעטינקער.

ע ר ש ט ע ר : וואָלסט זיך דערוואָרגן.

ד ז ש אָ נ ע ט : אַ קראַנקער, נעבעך, געווען דער אַלטינקער. אַ היים האָט ער באַדאַרפט . . . אַ האָספּיטאַל...

(אויף די טרעפּ באַווייזט זיך ביל מיט צוויי פּאָליס־לייט. זיי קומען צו צום טויטן באַטראַכטן אים שטרענג, ווענדן זיך צו בילן.)

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : אַט אַזוי דאָ האָט איר אים געפונען?

ב י ל ל : יאָ, אַט אַזוי ווי ער ליגט.

ע ר ש ט ע ר פ אַ ל י ס מ אַ ן : איר האָט אים גע־קענט?

ב י ל ל : יאָ, שוין אַפּאָר וואָכן, אַז ער איז דאָ מיט אונדז. טאָם האָט ער געהייסן.

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : טאָם — וואָס?

ב י ל ל : אַט אַזוי — פּאָשעט, טאָם.

(אויף די טרעפּ באַווייזן זיך נאָך צוויי פּאָליסלייט מיט אַ טראָג־בעטל. קומען אַראָפּ. אויף דעם בריק און אַרום לויפן זיך צונויף מענטשן פון גאַס. איייניקע בלייבן שטיין אויפן בריק, אַנדערע אויף די טרעפּ. די פּאָליסלייט נעמען פונאַנדער דאס בעטל, לייגן אַרויף דעם טויטן און לאָזן זיך מיט אים אַוועק אין דער טיפקייט פון בריק, דער אוי־לעם נאָך זיי.)

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : (נעמט אַרויס אַ ביכל מיטאַ בליישטיפט, ווענדעט זיך צו ביללן.) וואָס איז דיין נאָמען?

ב י ל ל : ביילל לוקאַטש.

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : וואו וואוינסטו?

ב י ל ל : (וויזט אויפן ביידל) אַט דאָ.

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : ס'איז פאַרבאָטן דאָ צו וואוינען.

ב י ל ל : מיר האָבן ניט וואוהין צו גיין. קיין צימער אומזיסט גיט מען ניט, קיין געלט האָבן מיר ניט, קיין אַרבעט אויך ניט.

(סלים לאָזט זיך אַוועקגיין.)

צ ו ו י י ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : (באַמערקט עס) וואַרט, וואַרט! וואוהין? האַלט די פערד . . .

ס ל י ם : איר דאַרפט מיך?

ע ר ש ט ע ר פ א ל י ס מ אַ ן : מיר וועלן דיר שוין לאָזן וויסן. וואָס איז דיין נאָמען?

ס ל י ם : סלים.

ע ר ש ט ע ר פּ א ל י ס מ א ן : סלים — וואָס ? סלים איז אַ צונאָמען. וואָס איז דיין ריכטיקער נאָמען ?

ס ל י ם : דזשייק בלעק.

ע ר ש ט ע ר פּ א ל י ס מ א ן : וויפל נאָך נעמען האָסטו ?

ס ל י ם : וועסט זיי ניט געדיינקען.

ע ר ש ט ע ר פּ א ל י ס מ אַ ן : האָסט געקאָנט דעם אַלטן ?

ס ל י ם : אַוואַדע האָב איך אים געקאָנט. מיר וואוי־נען דאָך דאָ אין דעם זעלבן האָטעל. איך בין דאָ אַ באָרדער בא ביללן און דער אַלטער איז געווען אַ באָרדער בא מיר.

ע ר ש ט ע ר פּ א ל י ס מ אַ ן : אלרייט, אלרייט, פאַרמאַך דאָס מויל.

(קוקט אַרום די איבעריקע. לייגט אַריין דאָס ביכל אין בוזים קעשענע, גייט צו צוםביידל. קוקט אַריין. באַ־טראַכט דזשאָנען. לאָזט זיך גיין צו די טרעפּ. צווייטער פּאליסמאַן נאָך אים.)

ס ל י ם : (שטרעקט אויס די הענט) הער, קעפּטן, די פינגער־צייכנס, די פינגער־צייכנס האָסטו פאַרגעסן.

צ ו ו י י ט ע ר פּ א ל י ס מ אַ ן: קלוגער זיך, קלוגער זיך, דיין מאָרדע איז מיר באַקאַנט. אַ באַנדיטסקע מאָרדע האָסטו, אַ פאַרדעכטיקע . . .

ס ל י ם : איך בין אַמאָל אַ „קאָפּ" געווען, איז עס מיר פאַרבליבן אַזוי. (טוט אַ פינטל מיטן אויג און אַ דרוקע מיטן פוס.)

ע ר ש ט ע ר פּ א ל י ס מ אַ ן : (אויף די טרעפּ) פאַרנעמט זיך בעסער פונדאַנען, איידער ס'איז צו שפּעט.

(ערשטער און צווייטער פּאליסמאַן גייען אוועק)

ס ל י ם : (רייבט זיך די באָרד) אַ באַנדיטסקע מאָרדע האָב איך, אַ ? אַי, ווי איך האָס די קאָפּס! נעמט אַרויס פון דער קעשענע טאָמס ליולקע און דאָס זעקעלע טאַבאַק,

באַטראַכט עס און שטאַפּט אַן די ליולקע.) די יערושע איז **טאַקע באַ מיר פאַרבליבן . . . כע!**

עס ווערט טונקעלער. דזשאַנעט און ביל זעצן זיך אַני־דער לעבןביידל. שוויגן אַ ווײַלע.

בּ י ל ל: הײַנט צוועלף באַנאַכט וועלן מיר פאַר־לאָזן דאָס פּלאַץ.

ד ז ש אַ נ ע ט: וואוהין?

בּ י ל ל: מיר וועלן זיך אַנשליסן אַן מאַרש פון די אַרבעטסלאָזע.

ד ז ש אַ נ ע ט: וואוהין וועלן מיר גיין? וואָס וועט העלפן דער מאַרש?

בּ י ל ל: וואָס דען? ליגן דאָ און ווערן פאַרפוילט און ניט פּראָטעסטירן אַפילע? וואָס האָסטו מוירע צו פאַר־לאָזן דאָ? אונדזער פּאַלאַץ? צו אונדזערע אָנגעוואָרעמטע בעטן? צו אונדזער געזינט, וואָס ווערט דאָ . . . אָט ביזטו שוין אין פערטן כוידעש און דער ווינטער איז שוין דאָ... און וואָס וועט זיין?

עס דערהערט זיך פון ווײַטנס דאָס טרובען פון אַ אוי־טאָמאָביל־האָרן, דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער, דאָס קלאַפּן און פויקן אין בלעכענע פּושקעס. מיט ליאַרם און טאַראַראַם באַווייזט זיך אויפן בריק אַ מחנה מענטשן מיט פּאַיאַצישע מיצלעך אויף די קעפּ, באַגלייט דאָ און דאָרטן פון ברענענדיקע פאַקלען און פון פּלאַקאַטן מיט אויפ־שריפטן:

For Democracy!
For Prosperity!
For Jobs and Wages
Vote For Smith!

עס טרובען טרובעס, עס שרייען עמפּליפייערס, עס ליאַ־רעמט און עס טומלט.

די אַרבעטסלאָזע און טרעמפּס אונטערן בריק און צווי־שן זיי אויך סלים, לויפן אַרויף די טרעפּ. קוקן נאָך דער פּראָצעסיע. סלים לייגט אַריין צוויי פינגער אין מויל און עס דערהערט זיך זיין הילכיקער שניידנדיקער פייף. דער טומעל ווערט צוביסלעך איינגעשלונגען אין דער נאַכט. סלים קומט צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ. בלייבט שטיין באַם ביידל. קוקט אויף ביללן. פירט דערנאָך איבער זיין בליק אויף דזשאָנעטן און ווידער אויף ביללן. שפּאַרט זיך אָן אָן דער קאַלאַנע. רויכערט די ליולקע.

ס ל י ם : ! . ׳ . עפּ ! אַט אַזוי קריגן פּאָליטישנס דזשאָבס . . . י־עה ! די פּאַרזאָרגערס ! היגטישע זין . . .

(בילל און דזשאָנעט שווייגן.)

ס ל י ם : געפונען הייגט עפּעס אַרבעט, בילל ?

ב י ל ל : ניין.

ס ל י ם : אַ סך קאָנסטו געפינען. שטעלסט זיך אַוועק באַם טויער מיט דריי, פיר הונדערט אַנדערע און וואַרטסט זיי זאָלן דיך באַגליקן מיט שקלאַפעריי.

ב י ל ל : דאָס איז אַלעס, וואָס עס בלייבט צו טאָן, דערווייל . . .

ס ל י ם : דערווייל . . . עס ציט זיך שוין אַביסל צו לאַנג דער דערווייל . . .

ב י ל ל : ס׳וועט זיך ערגעץ דערציען.

ס ל י ם : ס׳וועט זיך דערציען אַהינצו וואוהין טאָם האָט זיך דערצויגען. איך, ברודערקע, וועל ניט וואַרטן.

ב י ל ל : וואָס וועסטו טאָן ?

ס ל י ם : איך וואָלט דיר שוין געזאָגט וואָס צו טאָן. דו ביזט אָבער ניט פון דעם סאָרט גוטע ברידער מיט וועל־כע מ׳קאָן זיך איינשפּאַנען.

ב י ל ל : וואָס מיינסטו, איך בין ניט פון דעם סאָרט ?

ס ל י ם : וועלל . . . דו ווילסט לעבן ווי פון אַ ביכל. אַט אַזוי, ווי אַנדערע וועלן דיר הייסן, ווי ס׳איז אָנגענומען. ערלעך, אַנשטענדיק, ווי די געזעצן פאָדערן.

(בילל קוקט אויף אים אירָאניש)

ס ל י ם: דו קוק ניט אויף מיר אַזוי... איך בין אַטרעמפּ, אָבער דו ביזט אַ יאָלד. אַט, ווי דו קוקסט מיך אָן, מיין פריינט, האָב איך שוין דורכגעשפּאַצירט דאָס לאַנד זיבן מאָל אין דער לענג און אין דער ברייט. און וואָס איך האָב זיך אָנגעזען און געלערנט, וועסטו אַפילו אין כאָלעם ניט זען. מ'דאַרף נאָר האָבן אַט־אַ־דאָ־אָ! (ווייזט אָן אויף דעם קאָפּ) אַט ביזטו אויך אַריינגעפאַלן אין מיין קלאַס און ליגסט דאָ ווי אַ ראַץ און שלאָפסט דאָ מיט דיין ווייב, ווי אַ...

ב י ל ל: (שלאָגט אים איבער) איך האָב געהאַט אַ היים, אַ אָרעמע היים... אָבער איך וועל נאָך קעמפן פאַר בעסערע טעג, פאַר אַ בעסערן לעבן.

ס ל י ם: שור האָסטו געהאַט אַ היים! און אַ ראַדיאָ אויך, מיסטאָמע, און אַ אויטאָ, עפּשער... און האָסט געוואָלט נאָך מער, מיסטאָמע, פון אַט דעם מין, וואָס מאַכט דאָס לעבן אַזוי באַקוועם...

ב י ל ל: עס שאַדט ניט. יעדער אַרבעטער דאַרף קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר בעסערע היימען, פאַר זאַכן, וואָס ווערן פּראָדוצירט פון אים און אָוועקגערויבט פון די קאַפּיטאַליסטן.

ס ל י ם: מ—יע... סע שאַדט ניט. אָבער, אַז ס'טרעפט און דאָס לעבן טוט דיך אַ שפּיי אויס, אַט ווי אַצינד, קאָן מען דיך צערייבן מיטן פוס.

ב י ל ל: אַ טרעמפּישע פילאָזאָפיע האָסטו, סלים.

ס ל י ם: עפּשער. איך קאָן זיך אָבער בעסער צופּאַסן צום לעבן ווי דו. מ'דאַרף וויסן ווי אַזוי. דו ווייסט ניט און איך ווייס. אַט, דו און דזשאָנעט... שוין צוויי טעג, אַז איר האָט ניט געגעסן. איך ווייס... איך ווייס. איך בין אַ מיווזן אויף אַזעלכע זאַכן... י—ע—פּ! וואָס האָסטו געטאָן צו שטילן דיינעם און איר הונגער?

ב י ל ל: וואָס דענקסטו, קאָן איך טאָן? בעטלען אָדער גאַנווענען?

ס ל י ם : פאַרוואָס רופסטו עס „גאַנוועגען"? דו האָסט אַ מאָגן, און איך האָב אַ מאָגן, און דזשאָנעט האָט אַ מאָגן, און דאָרט אויבן איז דאָ אַזוי פיל פלייש און ברויט — און דו גייסט אַרום אַ הונגעריקער —

ב י ל ל : אָט פאַר דעם דאַרפן מיר טאַקע קעמפן. ס,איז פאַראַן איבערגענוג, מ׳דאַרף אָבער וויסן ווי אַזוי צו פאַנאַנדערטיילן עס.

ס ל י ם : וואַרט ביז זיי וועלן עס פאַנאַנדערטיילן! איך, ברודערקע, ווייס איין זאַך : דעם מעזומען איז אַלץ איינס אין וועמענס קעשענע צו ליגן. אין דיין קעשענע, צי אין מיין קעשענע. נו, בין איך בילכער. די זאַכן אויף דער וועלט זענען פאַר דעם מענטשן, ניט אַזוי? — בין איך דער מענטש. גיי וואַרט ביז זיי וועלן פאַנאַנדערטיילן! אָט — דער פעמפיק דאָרט אויבן איז אַ מענטש, און דו ביסט אַ מענטש, טאָ וואָס איז דער אונטערשייד? און דו רעדסטו פון גאַנוועגען . . . גאַנוועגען!

ב י ל ל : ס׳איז טאַקע קיין אונטערשייד פון מענטש צו מענטש — איעדער מענטש וויל עסן. ס׳איז אָבער אַן אונטערשייד ווי אַזוי מ׳קריגט די זאַך. דו ווילסט די זאַך נאָר פאַר זיך און סע אַרט דיך ניט ווען אַ צווייטער האָט עס ניט, די זאַכן, פאַרשטייסטו מיך, דאַרפן געערן צו אַלעמען און דעמאָלט קאָן מען זיי פאַנאַנדערטיילן.

ס ל י ם : דיין בוכהאַלטעריע איז גוט, ווען מ׳איז זאַט. דערווייל גייסטו אַרום אַ הונגעריקער, אַן הויזן. און דזשאָנעט אויך.

ב י ל ל : ווען אַלע וועלן אָנהויבן נעמען וואו זיי ווילן און ביי וועמען זיי ווילן, וועט דער סוף זיין, אַז ס׳וועט שוין ניט זיין ביי וועמען צו נעמען. און מענטשן וועלן ניט וועלן אַרבעטן און פּראָדוצירן. אפילע דאָס נע־מען דאַרף מען אויך אָרגאַניזירן, סלים. אָט די אַלע הונ־געריקע דאַרפן ניט נאָר עסן, נאָר אויך אַרבעטן.

ס ל י ם : (שטאָפּט אַן די ליולקע) שליס מיך אויס. מיין מאָגן וויל ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. ער שרייט : איך וויל

עסן! און דיין מאָגן שרייט אויך דאָסזעלבע! און אַט די אַלע טרעמפּס ווילן אויך עסן.

ב י ל ל : יע . . . דאַרף מען אַט די אַלע הונגעריקע צונויפנעמען, אָרגאַניזירן, אַרויסגיין אַלע צוזאַמען אין אַן אָפענעם קאַמף, אַז די ערד זאָל אַ ציטער טאָן. יע, מ׳־דאַרף קעמפן מיט די פּאַראַזיטן, מיט געווער, אויב נויטיק, ווי מ׳קעמפט מיט . . .

ס ל י ם : אַט אַזוי! אַזוי בילל, מאַי באַי! שטעק אַריין! (שטרעקט אויס די האַנט צו ביללן. לאַנגזאַם און ניט ווילנדיק גיט אים בילל זיין האַנט). איך בין שוין מיט דיר אויף אַ וועג.

ב י ל ל : דו מיט מיר אויף אַ וועג ? איך האָב מוירע, אַז דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען.

ס ל י ם : וואָס מיינסטו איך האָב דיך שלעכט פאַרשטאַנען ? איך פאַרשטיי שוין גאָר. וואָס זשע, דו מיינסט איך פאַרשטיי ניט, אַז דו ביסט פון יענער בעוורע? אָבער עס שאַדט ניט. מ,דאַרף האָבן דעם נערוו, ברודערקע, און דאָס איז די הויפּט זאַך. דו געפעלסט מיר אַפּילע בעסער פון דעם דעיגאָ. מיט דיר, גלויב איך, וואָלט איך שוין געקאָנט אָרגאַניזירן אַ פיינעם דזשאָב. (רוקט זיך צו נעענטער צו ביללן). דו ביסט ניט קיין נאַר, בילל . . . און איך וואָלט דיר פאַרטרויעט אַ זאַך, ווען איך ווייס . . .

ב י ל ל : ניין, אַ דאַנק. איך וויל ניט וויסן פון דיינע זאַכן.

ס ל י ם : (רעדט שטיל) דו דאַספּסט ניט מוירע האָבן. מיר וועלן עס אָפּטאָן איינס און צוויי, און דאַן קאָנסטו גיין וואוהין דו ווילסט. דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר דיר און פאַר דזשאַנעטן אוואָדע ניט.

ב י ל ל : (טרוקן) וואָס איז דיין פּלאַן ?

ס ל י ם : (קוקט אַ ווײַלע אויף ביללן מיט אַ פאַרשענדן בליק. בויגט זיך צו צו זיין אויער און רוימט אים עפּעס איין. טוט ווידער אַ קוק אויף אים, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן געמאַכט און בויגט זיך ווי־

דער צו צו זיין אויער. בילל זיצט אַ קאַלטער און אַ שווייגנדיקער. קוקט ערגעץ אינעדרווייטנס).

ס ל י ם : (וואַרט אַ ווײַלע) וועלל? . . .

(בילל ענטפערט ניט. הויבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין צום פייער, ניט אומקוקנדיק זיך אַפילע אויף סלימען. סלים קוקט אים נאָך מיט אַן איראָנישן שמייכל. פירט איבער זיין בליק אויף דזשאָנעטן און רוקט זיך צו נע־ענטער צו איר. זיצט און שווייגט. רויכערט די ליולקע. פון דעם האָטעל דערטראָגן זיך ווייטע און שטילע טענער פון דזשעז)·

ס ל י ם : דו הערסט די מוזיק דאָרטן? הע? דאָרטן אין האָטעל זיצן מענטשן און עסן, און טאַנצן — —

ד ז ש אַ נ ע ט : (אַפּאַטיש) יע . . .

ס ל י ם : ווען איך בין דיין מאַן, וואָלט איך שוין געזעגן, אַז זאָלסט עסן און טאַנצן און לעבן אַ טאָג. בילל איז אַ נאַר. וואַרט ביז די הונגעריקע וועלן זיך אָרגאַני־זירן. כע! מיט אַזאַ ווייבל ווי דו, וואָלט איך די וועלט איבערגעקערט. אין אַזאַ לאָך וואָלסטו זיך ביי מיר ניט געוואַלגערט.

(זי ענטפערט ניט. שווייגט ער אַ ווײַלע און הויבט ווי־דער אָן) : עס ווייזט אויס, אַז דו ביסט ניט זייער גערן צו רעדן מיט מיר. קוק ניט אויף דעם, וואָס איך בין איצט אָרעם און גיי אַרום אַן אַפּגעריסענער. היינט בין איך אָרעם, און מאָרגן קאָן איך זיין רייך· איך בין עפּשער אַ טרעמפּ אין מיין האַרץ, איך האָב אָבער ליב צו לעבן און ווייס ווי צו לעבן, און ווייס ווי צו קריגן וואָס איך דאַרף . . . די הויפּטזאַך איז ניט אַראָפּצולאָזן די הענט און פאַר־לאָזן זיך אויף צופעליקע אָדער קריכנדיקע גליקן, ווי דיין בילל טוט עס. אַ מענטש טאָר זיך ניט אונטערוואַרפן דעם שיקזאַל. אָט גייט ער אַרויס יעדן טאָג און זוכט אַרבעט און דער קאָפּ אַרבעט ביי אים נאָר אין איין וועג : שטיין און וואַרטן, ביז מ,וועט אים אַריינרופן און מ׳וועט אים זאָגן : אַלרייט, באָדי, אָט האָסטו אינסטרו־

מענטן, מאַשינען, שטיי און אַרבעט פאַר מיר . . . דו וועסט שוין קריגן דיינע ווידזשעס, דאָס קייטעלע, וואָס וועט דיך האַלטן צוגעשמידט צום וואַרשטאַט . . . יעס, סער! אָט, ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך אויך אָפּגע־שקלאַפט אַ שטיק לעבן אין אַ פעקטאָרי. דער טאַטע מיי־נער האָט געמיינט איך וועל אויך ווערן אַ „פאַרד", אַ מיליאָנער, שור! ער אַליין איז צעקוועטשט געוואָרן פון אַ לאָקאָמאָטיוו . . . איז איבערגעשניטן געוואָרן אויף צווייען. וועל איך עס, הייסט עס, נאָך דעם שטיין און אַר־בעטן פאַר זיי! אַ סך האָב איך געהאַט פון זיי! גאָד־דעם! ווען בילל איז נאָר ניט קיין טרוס . . .

ד ז ש אַ נ ע ט : ער איז ניט קיין טרוס.

ס ל י ם : וואָס דען איז ער? אַן ערלאַכער און גאָט־פאַרדאַמטער שקלאַף און אידיאָט? דו ווייסט וואו ער איז היינט געווען? דו ווייסט ניט, אָבער איך ווייס.

ד ז ש אַ נ ע ט : וואו איז ער געווען?

ס ל י ם : דער אידיאָט איז היינט געגאַנגען אין האָספּיטאַל פאַרקויפן זיין בלוט.

ד ז ש אַ נ ע ט : וואָס מיינסטו, פאַרקויפן זיין בלוט?

ס ל י ם : אַזוי . . . פאַרקויפן דאָס בלוט פאַר אַ קראַנקן.

ד ז ש אַ נ ע ט : פון וואַנען ווייסטו?

ס ל י ם : כע! פון וואַנען איך ווייס. ער אַליין האָט עס מיר געזאָגט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט עס וויסן. פאַרשטייסט? פאַרקויפן דאָס בלוט פאַר עט־לעכע לויזיקע דאָלערס — איז לייכטער. לאָזן זיך צאַפּן דאָס בלוט צוליב אַ קראַנקן פאַראַזיט, איז ביי אים ער־לעכער און גערעכטער, ווי אַרויסגיין אויף אַ פאַר שעה און . . . צונעמען דאָרט ביי איינעם אַ פּאָר לויזיקע דאָ־לאַרס. אָט, קוקט ווי ער זיצט דאָרט . . . העד! עס ווערט מיר ניט גוט, ווען איך קוק אויף אָט די דאָזיקע ערלעכע מענטשן. טרוסן זענען זיי! דאָס אַלעס! ווען ער וואָלט געווען זיכער, אַז מ׳וועט אים ניט כאַפּן, וואָלט ער גע־

גאַנגען מיט מיר. איך ווייס עס. און דערפאַר וואָס ער איז אַ טרוס, קוקט ער אויף מיר פון אויבן אַראָפּ און ער איז דער פיינער, דער ערלעכער מענטש . . . גאָד־דעם!

(ווערט אַנטשוויגן. נעמט ווידער אָנשטאָפּן די לולקע. די מוזיק הערט זיך נאָך אַלץ. אויפן בריק הערט זיך דאָס רוישן פון אויטאָמאָבילן. מענטשן גייען הין און צוריק. סלים קוקט אויף דזשאַנעטן מיט אַ הונגעריקן בליק).

ס ל י ם: איך האָב פופציק סענט, דזשאַנעט. קום, לאָמיר גיין קויפן פראַנקפורטערס. דאָ ניט ווייט שטייט אַ מאַן און פאַרקויפט זיי. קום, וועסט גיין?

(דזשאַנעט טוט אַ קוק אויף אים מיט אַ פאַרניכטנדיקן בליק, ווערט ער אַנטשוויגן. שווייגט אַ ווײַלע און הויבט ווידער אָן:)

אַ פאַסקודנע וועלט, שוועסטערקע . . . אָט איך בין דאָך אַ מענטש, פון פלייש און בלוט, ווי אַלע אַנדערע מענטשן... איך בין דאָך אַ מאַן, און דאָס לייב, דאָס בלוט איז הונגעריק . . . און ס,איז פאַראַן אַזוי פיל פרויען אויף דער וועלט . . . און דאָך בין איך אַליין. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט קיין עמעסע ליבע. אָדער איך מוז זי קויפן, אָדער איך מוז זי רויבן. וואָס וואָלט דיך געאַרט . . .

ד ז ש אַ נ ע ט: גיי זינג פאַר אַנדערע דיין לידל. אַז דו וועסט אַ סך רעדן, וועל איך דערציילן ביללן.

ס ל י ם: אָלרייט, אָלרייט . . . ניטאָ ביי דיר דער פונק, שוועסטערקע. אָט, גלייך, ווי געמאַכט פון גומי. זייער זעלטן, אַז ס'זאָל ביי איינער פון אייך אַ צופּ טאָן באַם האַרצן, אַ ברי טאָן, אַז זי זאָל ניט מוירע האָבן אַ שפּיי טאָן אויף די געזעצן. דו ווייסט אַז דו ביסט אַ ווייב, און דו ווייסט, אַז אַזוי דאַרפסטו פאַרבלייבן. שלעפּסט זיך נאָך אויפן שטריק, ווי אַ קו און קו ווילסטו בלייבן. ביילל — אַ פערד, און דו — אַ קו. יעס, מעם!

(אויף דער בריק דערהערט זיך דאָס שפּילן פון אַ קאָרנעט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אַ באַראַבאַן. עס

באַווייזן זיך אויבן אַ פּאָר מענער און פרויען פון דער „סאַלווייזשאַן אַרמיי". שטעלן זיך אָפּ ביי די טרעפּ און הויבן אָן זינגען:

And there were in the same country
Shepherds abiding in the field,
Keeping watch, keeping watch
Over their flock by night.
And the glory of the Lord shone
round about them . . .

ס ל י ם: אָט, הערסט? אַ צווייטע פּאַרטיע פּאַר־זאָרגערס. דו וואָלסט בעדאַרפט גיין מיט זיי. זינגען „האַ־לעלויא" און קייען שטרוי . . .

(דזשאַנעט ענטפערט ניט. עס קומען אָן אַ פּאָר אַר־בעטסלאָזע מיט שפּענער, וואַרפן די שפּענער אין פייער־שאַטנס הויבן אָן טאַנצן אויף די גרויע שטיינערנע ווענט און אויף די קאַלאָנעס. אויבן, אויפן בריק, ביים פּאַרענטעש, שטיין צוויי און רעדן):

ע ר ש ט ע ר: זעסט, אָט דאָ ליגן זיי.

צ ווייטער: ס'אַ שרעק.

ע ר ש ט ע ר: און דעם פּאַלאַץ דאָרטן! קוק נאָר אָן אַ פּאַלאַץ מיט אַ קוימען! אַ רעגולער הימל־קראַצער, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, כע, כע!

צ ווייטער: אַ פרוי דאָרט אויך צווישן זיי.

ע ר ש ט ע ר: אַן אינטערעסאַנטע צייט, מיין פריינד. אין אַ זייער אינטערעסאַנטער עפּאָכע לעבן מיר . . .

צ ווייטער: (איראָניש) יע . . . ס'וואָלט אָבער גע־ווען אינטערעסאַנט צו וויסן, צי זיי, אונטן, דענקען אויך אַזוי. יע . . . עס דערמאָנט מיר . . . וואָס שרייבט עפּעס דיין פאַמיליע פון פלאָרידא?

(אַ מאַן און אַ פרוי, שיין געקליידעט, קומען אויך צו. קוקן אַראָפּ).

ס ל י ם: אָט זעסט. זיי זענען גאָר אַנדערע מענטשן. און ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן געלט. זיי האָבן

ריינע בעטן, זיי טראָגן ריינע העמדער. זיי טרינקען קאַווע יעדן אינדערפרי, און איך בין זיכער, אַז זיי גייען אויך אין קינאָ איינמאָל אַ וואָך. פון אַזעלכע קלייניקייטן, ווי אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אָדער אַ באָד־צימער, אָדער עטלעכע שיינע אַנצוגן — וועגן דעם רעד איך שוין ניט. אָבער — זעסטו . . . אַ וואַרעם גלעזל קאַווע מיט ברויט און פוטער אינדערפרי, און אַ וואַרעם בעט צו שלאָפן מיטן ווייב — אָט דאָס, זעסטו, איז טאַקע אַזאַ זאַך, וואָס מאַכט דיך גאָר פאַר אַן אַנדער מין פאַרשוין.

ד ז ש אַ ב ע ט : מיר דוכט, אַז האָסט ערשט פריי־ער געזאָגט, אַז עס עקלט דיך פון דעם אַלעמען, אַז פון אָט די אַלע זאַכן ווערסטו אַזוי ווייך, אַז מ'קאָן דיך צערייבן מיטן פוס.

ס ל י ם : יע . . . ס'איז טאַקע עמעס, אָבער איך האָב געמיינט די דאָזיקע, וועמעס לעבן ס'איז נאָר באַ־קוועמלעכקייטן. איך האָב געמיינט אָט אַזעלכע ווי די צוויי דאָרט אויבן, וואָס שטייען און קוקן אויף אונז, ווי אויף ווילדע כאַיעס, האַ . . . וואָלט איך אים אַריינגעפאָרן אין דער מאָרדע! אַן אָנגעפרעסענע מאָרדע דאָס האָט! ער מיינט, אַוואַדע, אַז ער איז בעסער פון מיר, ווייל ער שלאָפט מיט אַ ריין אויסגעוואַשענער ווייב אין בעט. (שרייט אַרויף) העי, מיסטער! זוכסט דאָ אימיצן? אַ באַקאַנטן? קום אַראָפ, קום אַראָפ אַהערצו, מיר וועלן אייך ניט אָפּבייסן· מיר זענען טרענירטע כאַיעס, מיר בייסן ניט. ס'איז אינטערעסאַנט דאָ. קומט אַראָפּ.

(דער מאַן אויבן רעדט עפּעס צו דער פרוי. זיי שמייכ־לען. באַשליסן אַראָפּצוגיין. ער פירט זי אַראָפּ די טרעפּ, ווי ציילנדיק יעדן שפּאַן. קומען אַראָפּ און קוקן זיך אַרום. סלים רופט זיי מיטן פינגער. זיי דערנעענטערן זיך, דער מאַן נעמט אַרויס אַ פּאָרטסיגאַר).

ד ע ר מ אַ ן : (דערלאַנגט סלימען אַ סיגאַרעט) אַ סיגאַרעטל?

ס ל י ם: (נעמט אַראָפּ דעם הוט, פאַרנויגט זיך נידע־ריק, צולייגנדיק דעם הוט צום האַרץ) איך דאַנק אייך, גנעדיקער הערר . . .

ד ע ר מ אַ ן: ווי איך זע, האָט איר זיך דאָ גאַנץ באַקוועם . . . צוגעפּאַסט . . .

ס ל י ם: יע, מיר זענען פון די באַשעפענישן, וואָס פּאַסן זיך לייכט צו.

ד י פ ר ו י: איז אייך דאָ ניט קאַלט ?

ס ל י ם: קאַלט ?! עס וואונדערט מיך, מאַדאַם, איר זאָלט פרעגן אַזאַ פראַגע. קאַלט ?! דאָ מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן אַרום ? כע, איר שפּאַסט. איר זעט: דאָרטן אין יאַם כאַפּן מיר יעדן אינדערפרי פיש, און דערנאָך נאָך פרישטיק שפּילן מיר גאָלף. אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט גייען מיר אַרויף אין דעם קאַבאַרעי טאַנצן. איר גייט, מיסטאַמע, אויך אַהינצו טאַנצן ?

ד ע ר מ אַ ן: איר זענט אַ לעץ, אַז איר קאָנט זיך נאָך וויצלען !

ד י פ ר ו י: (טוליעט זיך צו דעם מאַן) הי איז סאָ קאָמקיל . . .

ס ל י ם: איך טו עס צו אַמוזירן אייך.

ד ע ר מ אַ ן: צו וואָס דאַרפט איר אונדז אַמוזירן ?

ס ל י ם: צו וואָס דען זענט איר געקומען אַהערצו און געקוקט אויף אונדז פון אויבן . . . אַראָפּ ? עפּשער זענט איר געקומען העלפן אונדז, בעט איך אייך ענטשול־דיקונג.

ד ע ר מ אַ ן: ווען איך קאָן אייך העלפן . . . וואָלט איך אייך זיכער געהאָלפן.

ס ל י ם: אָ, איך ווייס, איך ווייס . . . דער וואָל־סטריט קראַך האָט אייך אויך מיסטאַמע רואינירט. און, נאָך אַלעמען, ווייס איך דאָך, אַז דעם קריזיס קאָנט איר ניט אָפּשטעלן. אָבער . . . אָבער מיט פינף דאָלאַר וואָלט איר געקאָנט העלפן ? הע ?

ד ע ר מ אַ ן: פינף דאָלאַר ?

ס ל י ם : וועלל . . . וועלל . . . איר האָט זיך דער־שראָקן, זע איך. און איך וועל צוגעבן: פינף דאלאר איז טאַקע אַביסל צופיל פאַר אייך. איין דאלאר, מיסטער . . . איין דאָלאר, הע? וואָס זאָגט איר? וואָס זאָגט איר, מאַ-דאַם?

(זי זוכט אין איר פּאַקעטבוק)

ד ע ר מ אַ ן : ס׳איז אָלרייט, ס,איז אָלרייט, איך האָב אַ דאלאר. (גיט סלימען אַ דאלאר). צופרידן, הע?

ס ל י ם : צופרידן. איצט קאָנט איר גיין. עס דרייט מיך אינווייניק, ווען איך קוק אויף אייך. גוד־באַי, מיס־טער! גוד־באַי, מאַדאַם! (פאַרנויגט זיך ווידער) גוד־באַי...

(דער מאַן און די פרוי שטייען אַ ווײַלע אין פאַרלעגנ־הייט. קוקן זיך איבער, רעדן עפּעס צווישן זיך און גייען שנעל אַרויף די טרעפּ).

ס ל י ם : אָט אַזוי דאַרף מען מיט זיי האַנדלען, מיט די הינטישע זין . . .

ד ז ש אַ נ ע ט : דו ביסט אַ כאַזער. דו האָסט נישט קיין ביסל איידלקייט אין זיך.

ס ל י ם : זיי דאַרפן איידלקייט. איידלקייט איז גוט פאַר זיי. מיר איז בעסער אַזוי. זיי לאָזן אונדז ליגן ווי כאַזיירים, אָבער ווען ס׳קומט צו איידלקייט, ווילן זיי הונ־דערט פּראָצענט. איידל קאָן איך זיין מיט דיר, מיט מיין גלייכן. אָבער מיט זיי . . . טפו! איך וואָלט איר, דער מאַדאַם, געוויזן וואָס איידלקייט הייסט, ווען איך בין דאָ מיט איר אַליין אונטערן בריק . . .

(אויף די טרעפּ באַווייזט זיך דער „דעיגאָ". קומט אַראָפּ אַן אָנגעכמורעטער).

ס ל י ם : (באַמערקט אים) אָ, דער דעיגאָ. אים דאַרף איך טאַקע. (רופט) העי, דעיגאָ, וואַרט, איך דאַרף מיט דיר רעדן ביזנעס.

(הויבט זיך אויף. ציט איין דעם רימען אַרום די הויזן.

סאַלוטירט צו דזשאַנעטן און לאָזט זיך גיין צו דעיגאָ. זיי שטייען אַ ווײַלע ביי די טרעפּ און רעדן. גייען אַוועק דער-נאָך אין דער פינצטערניש הינטער די קאַלאַנעס. דזשאַנעט זיצט נאָך אַ ווײַלע אַליין. בילל, וואָס איז ביז איצט גע־זעסן ביים פייער, קומט צו).

בילל: פאַרוואָס גייסטו ניט אַריין בעסער אינם ביידל זיך אויסרוען? אַרום צוועלף ביינאַכט וועלן מיר גיין.

דזשאַנעט: ס'איז ווייט?

בילל: די טראַקס וועלן וואַרטן אין פלעינוויל.

דזשאַנעט: ווער נאָך גייט?

בילל: פון דאַנען גייען נאָך צוויי און סעם דער שוואַרצער.

דזשאַנעט: סלים האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט געגאַנגען היינט אין האָספּיטאַל...

בילל: (בייז) און אַז געגאַנגען, איז וואָס? אומע-טום שטופּט ער זיין נאָז, דער טרעמפּ. וואָס האָט ער דאָ געוואָלט פון דיר?

דזשאַנעט: קאָנסט דאָך אים... קליגעלט זיך און בלאָפט...

בילל: אָלרייט. גיי רו זיך אָפּ עפּשער וועל איך נאָך זען קריגן אַ פּאָר סענט פאַר דיר, זאָלסט קאָנען אָפּעסן איידער מיר פאָרן.

(דזשאַנעט גייט אַריין אין ביידל. פון הינטער די קאָ־לאָנעס באַווייזן זיך סלים און דער דעיגאָ. גייען אַרויף די טרעפּ צום בריק).

סלים: (שוין אויבן. שרייט אַראָפּ צו ביללן) **העי, בילל! בילל... איך גיי... און דו אָרגאַניזיר זיך דער־ווײַלע, ביז טאָם וועט שיקן נאָך דיר, כאַ־כאַ!**

(בילל קוקט זיי נאָך אַ רואיקער. זעצט זיך אַנידער אויפן קעסטל, וואו דזשאַנעט איז געזעסן זיצט אַנגעשפּאַרט אָן דער האַנט, אַ פאַרטראַכטער. אויפן בריק דערהערט זיך דאָס שפּילן פון אַ האַרמאָניקע און באַלד באַווייזט זיך אויף די טרעפּ דער נעגער סעם. גייט אַראָפּ לאַנגזאַם,

שפּילנדיק און ציענדיק מיט די אַקסלען נאָכן טאַקט פון דער מעלאָדיע. דערזעענדיק בילן, הערט ער אויף צו שפּילן, שרייט אַראָפּ:)

ס ע ם : **העללאָ, באָס.**

ב י ל ל : **העללאָ, סעם.**

ס ע ם : **וועלל, באָס . . . אַי עם רעדי פאָר די האָ־לידעי . . .**

ב י ל ל : (מיט אַ שמייכל) **וואָרט, זיי וועלן דיר אַריינ־שיסן אַ פּאָר גאַז באָמבעס, וועסטו האָבן אַ האָלידעי . . .**

ס ע ם : **כאַ!** (מאַכט אַ באַוועגונג פון אַ טויט־איבער־געשראָקענעם מענטשן. ציטערט מיט די הענט און פיס).

ב י ל ל : (לאַכט גוטמוטיק) **צוועלף אַזייגער. סעם.**

ס ע ם : **אָקעי, באָס.** (גייט אַוועק הינטער די קאָלאָ־נעס, שפּילנדיק אויף דער האַרמאָניקע.

בילל קריכט אַריין אין בײדל. דאָס שפּילן פון דער האַר־מאָניקע ווערט אַלץ שטילער. דאָס פייער ווערט לאַנגזאַם אויסגעלאָשן. אונטערן בריק ווערט טונקעלער, נאָר איין רויט לעמפּל ביי אַ קאָלאָנע באַלייכט די צוואָרפענע, איינ־געקאָרטשעטע און פאַרוויקלטע אין שמאַטעס מענטשן. דער פּראָזשעקטאָר פון האָטעל, וואָס צירקלט דעם הימל, טוט יעדעס מאָל אַ קוק אַריין מיט זיין ליכט־פּאַס.

עס גייט אַוועק אַ שטיק צייט. דער ווייטער שטאָטישער טומל מורמלט אויס זיין נאַכטיקע סימפאָניע. ערגעץ ווייט אין הימל זשומעט אַן עראָפּלאַן. אין האָטעל הויבט ווידער אָן שפּילן דער אָרקעסטער. ווי פון ווייטסטע הויכן הערט זיך גערשווינס „ראַפּסאָדי אין בלו" . . . עס הויבט אָן פאַלן אַ לייכט שנייעלע און אַלעס אַרום ווערט איינגע־וויקלט אין אַ וויס־בלויער נעבלדיקייט און באַקומט אַן אויסטערלישן, גראָטעסק־פאַנטאַסטישן אויסזען און זין.

אויפן בריק באַוויזן זיך דריי יונגעלייט אין הויכע צי־לינדערס און אין ווייסע שאַרפן, מיט בלומען אין די לאַצן און מיט שטעקלעך אין די הענט. שכורלעך. שטייען ביים

פאַרעטנש אונטערן ליכט פון עלעקטרישן לאָמטערן. לאַכן, רעדן עפּעס אין דער וועלט אַריין. איינער וויזט אָן מיטן שטעקן אויפן עלעקטרישן שילד, וואָס בליצט אינדער־ווייטנס: „סענטשורי אָף פּראָגרעס". איינער הויבט אָן זינ־גען, די צוויי אַנדערע נאָך אים:

Swe—et Ade—line — —
Sw—e—et A—de—line . . .

שטייען אַזוי אַ ווײַלע בײַם לאָמטערן, אָנגעשלאָסן איי־נער אין צווייטנס אָרעמס, זינגענדיק און וויגנדיק זיך אוי־טאָמאַטיש, ווי מאַניקענס, זייערע פּנימער, ווי מאַסקעס, זייערע באַוועגונגען — מאַריאָנעטיש. בלייבן פּלוצים שטיל. קוקן זיך איין אינדערווייטנס. שרייען אויס אַלע צוזאַמען: **הור——הור——הור—עי !**

אַ יונגע, שלאַנקע פרוי אין אַ ווייסן פוטער באַווייזט זיך אויפן בריק, ווי פון דעם שניי געבוירן און אויסגע־פורעמט. זיי רייסן אַראָפּ פון איר דעם פוטער און זי בלייבט אַ האַלב נאַקעטע. פון אירע בריסטן און לענדן בילשטשעט מיט גאָלד און בריליאַנטן. זי שטייט אַזוי אַ ווײַלע אין אַ פּאָזע פון פאַרגליווערטער נאַקעטקייט, ווי צו־הערנדיק זיך צו די טענער פון מוזיק. די דריי יונגעלייט שרייען ווידער אויס: **הור——הור——הור —עי! טאַנץ!** (זי הויבט אָן טאַנצן אונטערן צויבער פון דער ווילד־ריטמישער סינקאָפּאַטישער „ראַפּסאָדי אין בלו". אין דער זעלבער צייט באַווייזט זיך אונטערן בריק אַ מיידל. איר נאַקעטקייט פאַרדעקט דאָ און דאָרט מיט שמאַטעס. טאַנצט דעם זעלבן טאַנץ, ווי די פרוי אויפן בריק, באַוועגנדיק פאַרשייט איר בויך און היפטן . . .

דער שניי הויבט אָן פאַלן געדיכער און אַלעס ווערט ווי פאַרטושירט אין בלוילעכן נעפּל. און ווען דער נעפּל ווערט ווידער דורכזיכטיקער, איז שוין אויפן בריק קיי־נער ניטאָ. עס הערן זיך נאָר פון ווייטנס שיקערע אויסגע־שרייען: וווהופּי! עס הערן זיך נאָך די טענער פון דער ראַפּ־סאָדיע. און אין די טענער וועבט זיך אַריין אַ נייער מאָ־

טיוו. דאָס געזאַנג פון דעם נעגער סעם. ער קומט לאַנג־
זאַם פון הינטער די קאָלאָנעס. זינגט ווינדיק זיך היין און
צוריק:

I've got a rope . . .
I've got a rope . . .
All God's Chi'len have got a rope.
When I get to heaven,
I'll come with a rope —
Heaven — Heaven — Heaven . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

גייט אַרויף די טרעפּ און ווערט פאַרפאַלן אויפן בריק.

עס ווערט ווידער שטיל. אַ פּאָליסמאַן גייט דורך. בלייבט
שטיין ביים פאַרענטש. שטייט אַ ווײַלע און גייט ווייטער.
אַ צייטונגס אינגל שרייט ערגעץ: עקסטראַ! עקסטראַ!
פּייפּער! פּייפּער!

אויף די טרעפּ באַווייזט זיך סלים. שטייט אַ ווײַלע, באַ־
טראַכטנדיק די אַרומיקע. גייט אַראָפּ לאַנגזאַם צוםביידל.
בויגט זיך איין און קוקט אַריין. שמייכלט סאַרדאָניש. טוט
אַ גענעץ און אַ שפּיי. לאָזט זיך אַראָפּ ביים ביידל, שפּאַרט
זיך אָן אַן ווענטל, רוקט אַראָפּ דעם הוט איבער די אויגען.
רוקט אַריין די הענט אין די אַרבל און ציט אויס די פיס.
עס גייט אוועק אַ שטיק צייט און עס דערהערט זיך זיין
שנאָרכן.

פון ביידל קומט אַרויס דזשאַנעט, איינגעוויקלט אין אַ
זאַק. גענעצט און ציטערט פון קעלט. דערזעט סלימען
און אַ מינע פון פאַראַכטונג פאַרקרימט אירע ליפּן. פּלו־
צים ווערן אירע אויגן גרעסער פון איבערראַשונג. אירע
בליקן ווערן ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט צוגעצויגן צו
סלימען. זי גייט צו נעענטער, בויגט זיך צו פאַרזיכטיק,
קוקט זיך איין, שטייט אַזוי אַ ווײַלע, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט.
וויל אויסשטרעקן די האַנט און כאַפּט זיך צוריק. קריכט
פאַרזיכטיק אַריין צוריק אין ביידל און באַווייזט זיך באַלד
ווידער. ביסל נאָך איר. קוקט אין סלימס ריכטונג. זי

ווייזט עפּעס בילען מיט דער האַנט און ביל קוקט זיך איין.

ד ז ש אַ נ ע ט : זעסט, ביי דער קעשענע ... אַ פּאַק מיט געלט ...

ב י ל ל : טאַקע דורכגעפּירט זיינס ... טאַקע באַ־רויבט.

ד ז ש אַ נ ע ט : ביל ...

ב י ל ל : יע ...

ד ז ש אַ נ ע ט : ביל ... געלט ... עס קאָן נאָך איינגאַנצן אַרויספאַלן פון קעשענע ... עמיצער קאָן נאָך צוקומען און דערזען ... ער קאָן זיך נאָך אויפכאַפּן ... ביל ...

ב י ל ל : המם ... יע ..

ד ז ש אַ נ ע ט : (פיבעריש) נעם עס, ביל ... נעם עס! לאָמיר עס נעמען און אַוועק ... ביל ...

ב י ל ל : מיינסט, איך זאָל ...

ד ז ש אַ נ ע ט : יע — יע — נעם ... פאַרליר ניט די צייט — נעם ...

ב י ל ל : איך? איך זאָל ...

ד ז ש אַ נ ע ט : (ציטערט) יע ... מיר קאָנען אָנהויבן אַ נײַ לעבן ... אה, ביל ... וואָס וואַרטסטו, ביל ...

(סלים טוט זיך אַ ריר. דזשאַנעט ציטערט אויף בייסט זיך די פינגער כאַפּט אָן בילען ביי דער האַנט שטייט אַזוי אַ מינוט, ווי פאַרשטיינערט. סלים שנאָרכט ווידער. דזשאַ-נעט שלעפּט בילען ביי דער האַנט. ציט אים און שטופּט אים).

ד ז ש אַ נ ע ט : נעם ... נ ע ם ...

ב י ל ל : נעמען?

ד ז ש אַ נ ע ט : (הויבט אָן טרייסלען אים און בייסן אים אין היסטערישער אויפרעגונג) יע ... יע ... צו־ליב מיר ... צוליבי דעם קינד ... (וויינט) איך קאָן ניט

דאַ . . . איך קאָן שוין ניט זיין דאָ מער . . . ביל ל . . .
(לאָזט זיך אַראָפּ נעבן אים אויף דער ערד).

(בילל לאָזט זיך שטיל צו סלימען. שטרעקט אויס די האַנט און כאַפּט זי באַלד צוריק. בלייבט שטיין ווי אַן אויסגעמאַטערטער אין שרעקלעכן קאַמף).

ד ז ש אַ נ ע ט : (אין אַ פאַרצווייפלטן געבעט) **ביל... בילל . . . בילל . . .**

ב י ל ל : **איך קאָן ניט . . .** (גייט צוריק צו איר) **ער האָט זיין לעבן איינגעשטעלט . . . און איך . . .**

ד ז ש אַ נ ע ט : **ער איז אַ טרעמפּ . . . ער איז אַ רויבער . . . ער וועט סיי ווי פאַרטרינקען . . .**

ב י ל ל : **איך קאָן ניט.**

ד ז ש אַ נ ע ט : **וועל איך . . .** (לאָזט זיך פאַראויס מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט. בילל טוט זי אַ שלעפּ צוריק. לאָזט ניט. טוט זיך פלוצים אַ דריי ווי אין אַן אַנפאַל פון משוגעת. לויפט צו צו סלימען און שיפּעט אַרויס:

ב י ל ל : **שטיי אויף! שטיי אויף, דו פאַרשאָלטענער!**

ס ל י ם : (שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענער, כאַפּט **זיך ביי דער קעשענע) וואָס איז?**

ב י ל ל : (אָטעמט שווער. באַהערשט זיך) **באַהאַלט דיין פאַרשאָלטן געלט. אָפּגעטאָן דיין שטיקל אַרבעט — האַלט עס אין קעשענע און היט עס גוט. איך האָב עס געקאָנט ביי דיר צונעמען, ווען איך וויל, דו . . . דו . . .**

ס ל י ם : **יע? טאָ פאַרוואָס האָסטו עס ניט גענומען?**

ב י ל ל : (קוקט אויף אים אַ בלייכער מיט אַ שטאָלענעם בליק) **דו וועסט ניט פאַרשטיין. איך בין ניט פון דיין סאָרט.**

(דזשאַנעט, אַ בייזע, מיט פאַרקלעמטע ציין, קריכט אַריין צוריק איןביידל).

ס ל י ם : **ניט פון מיין סאָרט, הע?** (נעמט אַרויס דאָס פעקל געלט, שפּילט זיך מיט דעם, אונטערוואַרפנדיק עס אויף דער האַנט). **און ווען איך גיב דיר האַלב, וואָלסטו ניט גענומען? ניין? איך דאַרף ניט אַזוי פיל געלט. נאַ, ווילסט האַלב?** (טיילט אָפּ אַ העלפט פון דעם געלט, שטרעקט עס אויס צו ביללן).

ב י ל ל : (שטופּט צוריק זיין האַנט) **האַלט עס!**

ס ל י ם : **בעם!... פאַר דזשאַנעטן... הע? איך מיין עס.**

ב י ל ל : (בייז, ציטערנדיק) **איך... דאַרף ניט...**

ס ל י ם : (קוקט אויף אים ווי אויף אַ צעדולטן. לייגט אַריין דאָס געלט אין קעשענע. גייט צו נאָענט צו אים. קוקט אים שאַרף אין די אויגן) **יו גאַד דעם פול! טפוי!**

(טוט אים אַ שטאַרקן שטופּ פון זיך און לאָזט זיך אַוועק־גיין. בלייבט שטיין און טוט ווידער אַ קוק אויף אים — סארדאניש) **קאַ—מו—ניסט!** (מאַכט נאָך אַ שפּאַן און קערט זיך ווידער אום). **מיינסט איך בין אַ גאַנעף און אַ רויבער, ווייל ס'איז אַ פערגעניגן אַזאַ? צי מיינסטו, עפּשער, אַז איך בין זשעדנע נאָך געלט? צום טייוול מיטן געלט! איך שפּיי אויף געלט! אָבער פייגערן פון הונגער?—נאַ, סער! היינט דאַרף איך נאָך ליגן שטיל, אָבער מאָרגן וועל איך וואוינען אין אַ צימער... מאָרגן וועל איך עסן, און איך וועל האָבן אַ פרוי... און דו און דזשאַנעט וועלן ליגן דאָ ווי ראַצן... יעס! דו וועסט מאָרגן ווידער גיין פאַר־קויפן דיין בלוט — און פאַר געלט וועט מען עס נישט וועלן.** (כאַפּט פלוצים אַ שטיין, וואָס ליגט נעבן אים. וואַרפט אים צו ביללן) **אָט האָסטו אַ שטיין, גריזע... גריזע... און לאָז איבער אַ שטיק פאַר דזשאַנעטן אויך. זאָל זי אויך האַנאָע האָבן. עס, אויב דו קאָנסט, דו... דו..**

(טרייסלט אָפּ די הענט, רוקט אַראָפּ דעם הוט איבער די אויגן, ציט אָן דעם רימען ביי די הויזן, טוט אַ שפּיי און גייט אַוועק.

„ראפּסאָדיאַ אַמעריקאַנאַ"

בילל הויבּט אויף דעם שטיין, שטייט אומבּאַוועגלעך, און קוקט נאָך סלימען. לאַנגזאַם קלינגט דער טורעם־זייגער צוועלף. בילל טוט זיך אַ ציִ אויס, ווי אַן אויפגעוואַכטער, צעוויגט דעם קערפּער הין און צוריק און טוט אַ שליידער דעם שטיין מיטן גאַנצן קויעך.: אַוועק, ווייט . . . אינדערווייטנס . . . עס דערהערט זיך דער קלאַנג און בּראַזג פון צעשמעטערטן גלאָז. דער טומל און בּרום פון אויפגעוועקטע אין אַלע ווינקלען אונטערן בּריק . . . און עס שאַלן אַרויס מעכטיק און מיסטיש די טענער פון דער „ראַפּסאָדי אין בּלו" . . .)

די קרעטשמע

פערזאָנען

ראַטאָוו — אַמאָליקער אַקטיאָר
אייגנטימער פון דער „קרעטשמע"

ברענער — אַן אַלטער דיכטער

לוסי — ראַטאָווס פרוי — אַקטריסע

דער אין שוואַרצן

דער אין גרויען

מינעוויטש — דירעקטאָר

שעליא — ראַטאָווס טאָכטער

ראַניטש — אַ יונגער דיכטער

עלטערער ברודער

יינגערער ברודער

טאַבאַק — אַ מאָלער

דער בלאָנדער

אַ יונגערמאַן מיט אַ פידל

אַ יונגע מיידל

אַן אויסגעצערטער מאַן

אַ דיקע פרוי

דער טרעמפּ

דער מאַן אין צילינדער

די פרוי אין פוטער

ערשטער יונגערמאַן

צווייטער יונגערמאַן

דריטער יונגערמאַן

פערטער יונגערמאַן

גילדאַ — אַקטריסע

ערשטער אַקטיאָר

צווייטער אַקטיאָר

זינאַ — טענצערין

איינער פון אוילעם

צווייטער פון אוילעם

מענער, פרויען, באַדינער.

די קרעטשמע

אַ רעסטאָראַן. טונקל געפּאַרבט. אַ האַלב־אָפענע וואַנט אין דער פאָרמע פון אַן ארקע, צעטיילט דעם רעסטאָראַן אויף צוויי טיילן. גלייך אַנטקעגן, אין דער פראָנט־וואַנט, לינקס, איז אַ טיר, פון וועלכער עס פירן אַראָפּ פינף ברייטע טרעפּ. רעכטס, אין דערזעלבער וואַנט, ביי דער סאַמע סטעליע כמעט — אַ קליין באַלקאָנדל צו וועלכן עס פירן שמאָלע טרעפּ. אונטערן באַלקאָנדל שטייט אַ פיאַנע. אין דער וואַנט — לינקס — אַ טיר אַן טרעפּ. ביי דער טיר אַ קורצער קאָונטער אויף וועלכן עס שטייט אַ רעדזשיסטער. הינטערן קאָונטער, אויף אַ פּאָר פּאָליצעס — אַ קליינע ראַדיאָ, פלעשער מיט שנאַפּס און ווייַן. ביי די ווענט — קליינע טישעלאַך מיט בענקלאַך אַרום. דער רעסטאָראַן איז באַלויכטן מיט קליינע קאָלירפולע וואַנט־לעמפּלאַך, וואָס וואַרפן אַן אנגענעמע ליכט. קיין קוניס אין רעסטאָראַן זיינען ניטאָ. נאָר דער אַלטער דיכטער ברענער זיצט ביי אַ זייטיק טישל. אַן אימפּאָזאַנטע געשטאַלט. די לאַנגע האָר שוין גרוי. ער זיצט פאַרטיפט אין אַ בוך. ביים קאָונטער שטייט דער אייגנטימער פונם רעסטאָראַן, ראַטאָוו. ער רויכערט אַ סיגאַר און לייענט אַ צייטונג.

אויף די טרעפּ באַווייזן זיך צוויי הויכע געשטאַלטן, מאָדנע געקליידט. איינער, אין אַ שוואַרצן מאַנטל און אַ ברייטן, שוואַרצן הוט. זיין פּנים איז טונקל און דאָס שפּיציק בערדל פייערדיק־רויט. די אויגן שאַרף און אויף די ליפּן אַ קלוגער מזיק־שמייכל. ער בלייבט שטיין אַנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן. דער צווייטער טראָגט אַ גרויען מאַנטל. גייט אָן אַ הוט. שטאַרק עהנלאַך צו דעם אַלטן דיכטער ברענער. האַלט די הענט צונויפגעלייגט אין די ברייטע אַרבל. קוקט מילד. אויף די ליפּן אַ גוטער, פאַרטערלאַכער שמייכל. זיי גייען לאַנגזאַם אַראָפּ די טרעפּ. לאָזן זיך צום באַלקאָנדל. גייען אַרויף און זעצן זיך אַני דער. דער אין שוואַרצן שפּאַרט זיך אָן אַן שטעקן. דער אין גרויען זיצט גלייך, פאַרטראַכט.

ב ר ע נ ע ר : (הויבט זיך אויף מיטן בוך אין האַנט און גייט צו צו ראַטאַוון). הערט נאָר, הערט נאָר, איך בעט אייך, ראטאוו. איר זענט דאָך אַמאָל געווען אַן אַקטיאָר, איך מיין, איר זענט איצט אויך אַן אַקטיאָר, אָבער איר שפּילט דאָך ניט. נו, אַן אקטיאר, איבעדהויפּט א טאַלענט־פולער אַקטיאָר ווי איר, דאַרף דאָך האָבן אַן אויער פאַר פּאָעזיע, פאַר מוזיק, פאַר ריטם. נו, וואָלט איר געקאָנט פאַרלייענען אָדער דעקלאַמירן אַזאַ ליד, אַ שטייגער? לייענט נאר איבער אט די פאַר שורעס, לייענט זיי איבער, איך בעט אייך. (גיט אים דאָס בוך.)

ר אַ ט אָ ו : (טוט אָן די פענסנע, פּרובירט לייענען).

ב ר ע נ ע ר : איר פאַרשטייט עפּעס, ראַטאוו? שעמט זיך ניט, זאָגט, איר פאַרשטייט? איך בין דאָך אויך אַ דיכ־טער, און מ׳זאָגט, אַ גרויסער דיכטער, אַ קלאַסיקער, אָבער אַזאַ ליד פאַרשטיי איך ניט. איך שטעל זיך פאָר, אַז דער דיכטער האָט געהאַט די בעסטע קאַוואָנעס און די טיפסטע געפילן, ווען ער האָט געשריבן דאָס ליד, אָבער צו וואָס טויג עס, אַז איר קאָנט עס ניט לייענען אפילו?

ר אַ ט אָ ו : דאָס רופט מען היינט מאָדערנע פּאָ־עזיע, מ׳שטיינס געזאָגט. בע! און מיט דעם טעאַטער, מיינט איר, איז בעסער, ברענער? אַ רעסטאָראַנדל, אַ „קרעטשמע" דאָ האָב איך זיך געעפנט, ווייל איך בין אַזוי פאַרליבט אין די ביזנעס, מיינט איר? וואָס קאָן אָבער טאָן אַן אַקטיאָר, וואָס האָט הינטער זיך די טראַדיציעס פון די פּיאָנערן, פון די גרעסטע טאַלענטע פון דער אי־דישער בינע? איר געדענקט קעסלערן? איר געדענקט אַדלערן? איר געדענקט מאָגולעסקאָן? אַך, מיין פריינט, דאס זענען געווען אַקטיאָרן, מיט נעשאָמע, מיט פייער, מיט שטעל, מיט... מיט... מיט — און היינט? היינט שפּילט מען דען טעאַטער? מע... מע... מע מאַכט דאָך גאָר קונצן. קאָמדיאַנטשיקעס, אַקראָבאַטן דאַרף מען דאָך זיין,

בענעמאָנעס! מ׳רייסט זיך דאָך אויף די גלייכע ווענט. אויף לייטערס קריכן זיי, אויף שטאָלצעס, דורך דער סטעליע, אויף שטריק . . . טפו זאָל עס ווערן! ווי קום איך צו אַזאַ טעאַטער? און ווער דאַרף אַזאַ טעאַטער? אָט, ווי די פּאָעזיע, אַ שטייגער, וואָס איר האָט מיר געגעבן צו לייענען. עס דאַרף, מיין פריינט, קומען גלייך אין האַרץ אַריין, ווי עס קומט דער פאַרגעניגן, ווען מ׳הערט אַ שיינע מעלאָדיע, אָדער אַ קלוג וואָרט . . .

ב ר ע נ ע ר: טייערע ווערטער, ראַטאָוו, טייערע ווערטער. און דאָך . . . (ער לייגט אַריין דאָס ביכל אין קעשענע און טראַכט אַ ווײַלע) דאָך . . . כאָטש מיר זענען, דוכט זיך, גערעכט, אַ? גערעכט, ניט אַזוי? איז אָבער דאָך פאַראַן עפּעס אַן עמעס אין דעם ווילן איבערצואַנדער־שן דעם סעדער פון פּאָעזיע, אָדער פון טעאַטער. מע טוט עס אָבער ניט ריכטיק. איר פאַרשטייט? ס׳איז ניט דער ריכטיקער וועג און ניט די ריכטיקע מיטלען.

ר א ט א ָ ו: וואָס עס פעלט זיי, איז איבערגעבנהייט, ליבע צו דער זאַך, צו דעם מענטשן, צו דעם צושויער, צום לייענער.

ב ר ע נ ע ר: ניין, ליבע און איבערגעבנהייט צו דעם מענטשן איז ביי זיי גראַדע פאַראַן. זי קומט אָבער ביי זיי ניט פון האַרצן, נאָר פון קאָפּ. עס איז ליבע מער מיטן געדאַנק, ווי מיט געפיל. דאָך זענען פאָרט פאַראַן נייע דיכטער, עמעסע טאַלאַנטן. אָט, ווי דער יונגער ראַניטש, אַ שטייגער, אַ מאָדערנער.

ר א ט א ָ ו: ראַניטש? אַ, יאָ, אַ פיינער באָכער. (טראַכט אַ ווײַלע.) אַך, ליבער ברענער! איך בין שוין אַלט, און איר זענט שוין אַלט. איך, דער אַלטער אַקטיאָר, און איר, דער אַלטער דיכטער. אָבער . . . זאָגט דעם עמעס, עס בענקט זיך נאָך די גוטע יאָרן, ווען מ׳פלעגט אויף אייך אָנווייזן מיט די פינגער: ברענער! אָט איז ברענער! און

אין אַלע שטעט, און אין אַלע שטעטלאַך, וואוהין איך פלעג נאָר קומען מיט מיין טרופע, פלעגט מען זינגען אייערע לידער. וואָס איז דאָס, ברענער? זענען מיר אַלט און אונ־דזער קונסט איז אַלט, צי מוז עס טאַקע זיין אַזוי, אַז מיר זאָלן מוזן אָפּטרעטן אונדזער פּלאַץ און אונדזער אַר־בעט פאַר אינגערע, אַ?

ב ר ע נ ע ר : (אַ פּאַרטראַכטער) ניין. קונסט שטאַרבט ניט. קונסט ווערט ניט אַלט. שיר השירים איז נאָך אַלץ די פיינסטע פּאָעמע פון ליבע, און מיינע לידער, ראַטאָוו, וועט מען נאָך זינגען. היינט פאַרגעסט מען, מאָרגן דער־מאָנט מען זיך. איר זענט אָבער גערעכט, ווען איר רעדט וועגן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ. מיר ווערן אַרויסגעשטויסן צום ערשטן פיזיש, פון אינגערע, מיט מער ענערגיע, און בעמיילע ווערן מיר אָפּגערוקט אין הינטער גרונט. מיטן דיכטער האַלט עס ניט אַזוי שלעכט, ווי מיטן אַקטיאָר. ווייל דער דיכטער נוציקט זיך ניט אַזוי פיל אין פיזישן, אַרויס־צוברענגען זיין קונסט, ווי עס נוציקט זיך אין דעם דער אַקטיאָר. אָט, אייער שטימע איז שוין מעכולע, ראַטאָוו . . . און איר האָט דאָך אַזוי שיין געזונגען! און אייער אויס־זען אויך. אָט האָט איר שוין אַ ליס, אַ בויך, קאַניינאַרע, ניט צום פאַרזינדיקן . . . יאָ, צום ערשטן ווערן מיר פאַר־ניכטעט פיזיש און דערנאָך שוין, ווי זאָגט איר עס? — בע! נו, איך דענק איך וועל אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן. ס'איז טויט עפּעס היינט ביי אייך. וואו איז ערגעץ די כאַ־ליאַסטרע אַהינגעקומען?

ר א ט אָ וו : איר זאָלט פרעגן אַזאַ זאַך, ברענער? (טוט אַ קוק אויפן זייגער) שוין באַלד צוועלף. און איר ווייסט דאָך ווען אַשמדאי נעמט איבער די מעלוכע, זע־נען די שעדים דאָ. זיי וועלן, מיסטאָמע, באַלד זיין דאָ אַלע. זיי פאַרפעלן ניט ראַטאָווס „קרעטשמע". האָט איר שוין די פּרעמיערע, די „זיגער" מיט גילדאַן, געזען? האַ? פיין? זי וועט דאָ היינט זיין. צוגעזאָגט.

(ברענער הערט שוין אָבער ניט. ער איז שוין אויף די טרעפּ. גייט אַרויס. ראַטאָוו נעמט זיך ווידער צו דער צייטונג.

אויף די טרעפּ באַוויזט זיך לוסי, פאַרפּוצט און פאַרפאַרבט, ווי פאַר דער בינע. די שפּורן פון עלטער לאָזן זיך אָבער ניט פאַרטושירן. זי קומט אַראָפּ לאַנגזאַם, נעמט אַראָפּ איר הוט און מאַנטל, טראָגט עס אַריין אין צווייטן צימער און קומט צוריק).

ל ו ס י : ס׳האָט מיך דאָ קיינער ניט גערופן ?

ר א ט אָ ו ו : קיינער ניט. האָט דיך עמעצער באַדאַרפט רופן ?

ל ו ס י : שטענדיק פרעגסטו דאָסזעלבע. אַז איך פרעג, האָט מען, מיסטאָמע, באַדאַרפט.

ר אַ ט אָ ו ו כ׳האָב געמיינט וועסט קומען אַביסל פריער, העלפן צוגרייטן אַלעס. איך דערוואַרט היינט אַן אוילעם.

ל ו ס י : כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך וועל ניט זיין קיין קעכין. כ׳האָב אויף דער בינע ניט געשפּילט קיין קעכינס, און אין לעבן וועל איך אַוואַדע ניט שפּילן איך וועל זיך ניט אַראָפּלאָזן, ראַטאָוו. איך וועל נאָך קומען צוריק צו דער בינע. לאָז איך זיך אַראָפּ און הויב אָן אַרבעטן אין רעסטאָראַן, ווי דו — איז קאַפּוט. ווער וועט איצט איינפאַלן צו אַנגאַזשירן דיך ? אַז יעדער איינער ווייסט שוין, ביי יעדן איינעם איז שוין איינגעקריצט אין קאָפּ : ראַטאָוו איז דער אייגנטימער פון דער „קרעטשמע״. ביי אים — גוטע קאַווע, אַ פיינער סטעיק, גלאַט אָפּזיצן אַן אָוונט און שפּילן אַ שאַך, אָדער פּלוידערן — אָבער ראַטאָוו אַן אַקטיאָר ? — גודבאַי, טשאַרלי !

ר א ט אָ ו ו : און גודבאַי, לוסי, מעגסטו צוגעבן.

ל ו ס י : מיר וועלן נאָך זען. מינעוויטש האָט מיר צוגעזאָגט אַ ראָל.

ר אַ ט אָ ו : האַ, מינעוויטש מיט זיינע צוזאָגעכצן, און מיט זיינע ראָלן. מיר האָט ער אויך אַמאָל צוגעזאָגט. איז אָבער דער אומגליק מיט מיר, וואָס איך בין נישט קיין יונגע, שיינע פרוי און — בע!

ל ו ס י : איך בין ניט אַזוי אַלט, ווי דו מיינסט.

ר א ט אָ ו : אוי, טאַטעניו, טאַטעניו! איך האָב דאָך אים געמאַכט פאַר אַן אַקטיאָר, מינעוויטשן, מ׳שטיינס געזאָגט. אַ סטאַטיסט איז ער דאָך ביי מיר געווען, אַ שמענדריק. האָט ער אריינגעקראָגן אַ פּאָר טאָלער, געוואָרן אַ דירעקטאָר, און שיסט. שעליאַן האָט ער דאָך אויך צוגעזאָגט צו אַנגאַזשירן זי. נו, שעליאַן — פאַרשטיי איך. ער איז דאָך פאַרליאַפּעט אין איר ביז איבער די אויערן. און געדענקסט? ער פלעגט דאָך דיר נאָכלויפן ווי אַ הינטל. ע — בע!

(לוסי טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַריין אין צווייטן צימער. עפנט דאָרט אַ טיר און גייט אַרויס. אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט זיך פון דאָרט דעם וועיטערס שטימע: מיסטער ראַטאָוו! מיסטער ראַטאָוו! ראַטאָוו גייט אַריין אין צווייטן צימער, וואו ער העלפט דעם וועיטער צו אַראַנזשירן די טישלאַך).

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן : (טוט אַ גענעץ) עכע־כע! שוין צוועלף, מיין פריינט. אומעטיק דאָ. ווי דענקסטו, וועלן מיר האָבן דאָ וואָס צו בעאָבאַכטן? ווייסט דאָך, איך האָב פיינט צו זיצן גלאַט אַזוי, אָט ווי דו, און מעדיטירן. כ׳האָב ליב אַקציע, כ׳האָב ליב צו רעאַגירן.

ד ע ר א י ן ג ר ו י ע ן : דאָ צי ערגעץ אַנדערש — דיזעלע וועלט, דיזעלבע מענטשן. אונטער דער הויט זענען זיי אַלע גלייך. פון איין גאָט באַשאַפן. מיין פריינט,

מ׳קאָן רעאַגירן אויך אין מעדיטאַציע, און אַקציע קאָנסטו געפינען ניט נאָר אין געשעענישן און אין באַוועגונגען. עס איז פאַראַן אַקציע אין דער שטילסטער דראַמע, און די שטילסטע שטילקייט רעדט אָפטמאָל העכער ווי דער גרעסטער טומל.

דער אין שוואַרצן: מעדיטיר, מעדיטיר...

(אויף די טרעפ באַווייזט זיך מינעוויטש. קומט אַראָפּ רויכערנדיק אַ סיגאַר. קוקט זיך אַרום. שטייט אַ ווײַלע און זעצט זיך אַנידער. אין צווייטן צימער עפנט זיך די טיר און לוסי קומט אַרויס. מאַכט אַ פּאָר שפּאַן. דערזעט מינעוויטשן און גייט גלייך צו צו אים).

לוסי: כ׳האָב דיך געזוכט, מינעוויטש.

מינעוויטש: וואָס עפּעס?

לוסי: דו בלאָפסט מיך.

מינעוויטש: וואָס מיינסטו?

לוסי: איך הער, אַז די ראָל, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, גיסטו גאָר אַוועק דער קורנאָסער, דער יענטע.

מינעוויטש: כ׳האָב נאָך קיינעם די ראָל נישט אַוועקגעגעבן, און כּוץ דעם דאַרף די ראָל געשפּילט ווערן פון אַן אַקטריסע, וואָס פּאַסט פאַר דער ראָל.

לוסי: נו, פּאַס איך דען ניט? האָסט דאָך מ׳יר צו־געזאָגט.

מינעוויטש: כ׳האָב ניט צוגעזאָגט און דו פּאַסט ניט.

לוסי: ניט צוגעזאָגט?! און איך פּאַס ניט?! פאַר־וואָס?!

מינעוויטש: ווייל איך דאַרף אַ אינגערע.

ל ו ס י: דו מיינסט צו זאָגן, אַז איך בין שוין אַלט, האַ?

מ י נ ע ו ו י ט ש: דו ביסט נישט אַלט, אָבער די פּאַסט ניט.

(זי גייט צו נאָענט צו אים, דריקט זיך צו צו אים מיט איר קערפּער).

מ י נ ע ו ו י ט ש: אַך, לוסי . . . זיי פאַרזיכטיק. דו פאַרגעסט זיך.

ל ו ס י: איצט זאָל איך זיין פאַרזיכטיק. איצט, ווען ביסט שוין מיד פון מיר. און מיט דריי יאָר צוריק, מיט פיר יאָר צוריק, מיט פינף, וואָס האָסטו מיר דעמאָלט געזאָגט? האָסט דאָך געלאַכט פון מיין פאַרזיכטיקייט. דעמאָלט האָסטו גאָר ניט מורא געהאַט? דעמאָלט האָט דיך ניט געאַרט, וואָס מ׳רעדט, וואָס מ׳זאָגט, אַז נעמסט צו ראַטאָווס ווייב. דעמאָלט בין איך נאָך געווען אַן אַקטריסע . . . דעמאָלט האָט עס דיר געשמעקט. ביסט נאָך געווען אַ דריטקלאַסיקער אַקטיאָרשטשיק. איצט, אַז האָסט באַקומען אַ פּאָר סענט, האָסטו פליי אין דער נאָז, און איך בין שוין אַלט, און קריכסט שוין צו אינגערע. מיינסט האָסט שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פיס, מינעוויטש?

מ י נ ע ו ו י ט ש: שאַ, שאַ, וואָס פּלוצים אַ סצענע . . . ס׳איז דאָך ניט די בינע, וואו מע מעלאָדראַמאַטעוועט. מיר זענען פריינט? וואָס נאָך? כ׳וועל האָבן אַ ראָל פאַר דיר, וועל איך דיר געבן, און אויב ניט, איז ניט. אַט, ראַטאָוו שפּילט מער ניט, איז וואָס? גייט אונטער די וועלט? כ׳האָב שעליאַן צוגעזאָגט די ראָל, וועל איך האַלטן וואָרט.

ל ו ס י: שעליאַן? לאָז צורו שעליאַן! דו הערסט?! זאָלסט ניט וואַגן, זאָג איך דיר, מינעוויטש, הערסט? שעליאַן לאָז צורו!

מ י נ ע װ י ט ש : אַך, װאָס דיר קאָן אײַנפֿאַלן. שאַ —

(ראַטאָװ קומט צוריק).

ר אַ ט אָ װ : אַ, מינעװיטש . . . נו, שױן אָנגעהױבן די פּראָבעס ?

מ י נ ע װ י ט ש : מ'עט אָנהײבן . . . (הױבט זיך אױף) און װאו איז שעליא ? כ'האָב איר געבראַכט אַ ראָל.

ר אַ ט אָ װ : (דערפרײט) טאַקע ? עפּעס אַ פײַנע ראָל ?

מ י נ ע װ י ט ש : אַ צאַצקע.

(לוסי לױפט אַרױס אין צװײטן צימער אַן אױפגערעגטע. דער טעלעפאָן קלינגט).

ר אַ ט אָ װ : (ענטפערט דעם טעלעפאָן) שעליא ? . . . טאָכטער ? . . . יאָ, יאָ, ער איז דאָ. ער האָט דיר געבראַכט, זאָגט ער, די ראָל. יאָ . . . (צו מינעװיטשן) נאָט, אױפגעהאַנגען ! זי װעט באַלד זײַן דאָ. אַ קלײניקײט ? אַ ראָל ! אַך . . . ס'איז דײַן צײַט, מינעװיטש. װיפל יונגע נעפּאָשעלאַך האָב איך אָט אַזױ מעכאַיע געװען... אָבער זאָג נאָר, מינעװיטש. עפּשער האָסטו עפּעס פֿאַר לוסין ? זעסט דאָך : נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, אַז זי װעט ניט שפּילן, װעט זי אינגאַנצן פֿאַרגעסן װערן. ס'איז נעבעך אַ ראַכמאָאױף איר, און זי קאָן נאָך שפּילן. ביסט דאָך עפּעס אַ גוטער פרײַנט, האַ ? איך האָב דאָך דיר געהאָלפן װערן אַ מענטש, טאָ זײַ אַ גוד באָי, אַ ?

מ י נ ע װ י ט ש : װאָס רעדט איר, ראַטאָװ ? זי װיל דאָך ניט אַנדערש, נאָר שפּילן יונגע ראָלן. איר דאַרפט דאָך פֿאַרשטײן, איר זענט דאָך אױך געװען אַמאָל אַ דירעקטאָר.

ר אַ ט אָ װ : (טוט אַ זיפץ) מממ . . . יאָ, איך אױך. בע !

(שעליא לויפט אַראָפּ די טרעפּ. לויפט צו גלייך צו מי־נעוויטשן).

ש ע ל י א : איר האָט געבראַכט די ראָל? יאָ? גיט אַהער! שנעל! שנעל! קאָמאָן!

מ י נ ע וו י ט ש : (נעמט אַרויס די ראָל פון קעשע־נע) **אַ צאַצקע.**

ש ע ל י א : (מישט די בלעטלאַך) **איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט — נאָט אייך אַ קוש דערפאַר. כ׳האָב אייך צוגעזאָגט, טאָ נאָט אייך.** (קושט אים אין באַק).

מ י נ ע וו י ט ש : די ראָל וועט דיך מאַכן פאַר אַ שטערן, שעליא.

ר אָ ט אָ וו : כ׳געדענק . . . די מאַמע דיינע, ווען איך האָב איר געגעבן די ערשטע ראָל, האָט זי מיר אויך אַ קוש געטאָן, אָט פּונקט, ווי דו מינעוויטשן. און . . . וואָס איז דאָ צו רעדן . . . זי האָט געצונדן אַ וועלט. און איצט . . . אָט . . . בע!

ש ע ל י א : (כאַפּט אים אַרום) **פּאַפּסי . . . אַ ראָל! וועסט זען, וועסט זיין שטאָלץ מיט מיר!**

(אויף די טרעפּ באַווייזט זיך ראַניטש. בלייבט שטיין, ווי ניט וויסנדיק, וואָס צו באַשליסן).

ר אָ ט אָ וו : (גייט אים אַנטקעגן) **אַ, ראַניטש, וואָס מאַכט איר?**

ר א נ י ט ש : וואָס זאָל מען מאַכן? גאָרניט.

ר אָ ט אָ וו : ברענער איז דאָ געווען. גערעדט וועגן אייך. געלויבט.

ר א נ י ט ש : (נייגעריק) **יאָ? וואָס האָט ער געזאָגט?**

(ראָטאָוו נעמט דערווײַלע פון דער פּאָליצע אַ פּאָר

פלעשער וויין, לאָזט זיך מיט דיי גיין אין צווייטן צימער, ראַניטש גייט אים נאָך).

מ י נ ע ו י ט ש : (נעמט אַרום שעליאן) שעלקאַ, צופרידן?

ש ע ל י א : צופרידן.

מ י נ ע ו י ט ש : איך וועל דיך מאַכן פאַר דעם גרעסטן סוקסעס, שעלקא. מיר וועלן נאָך איבערקערן אַ וועלט. מיר ביידע, האַ?

ש ע ל י א : יאַ.

מ י נ ע ו י ט ש : שטענדיק מיט מיר? זאָגסט צו?

ש ע ל י א : דער איינציקער דירעקטאָר.

מ י נ ע ו י ט ש : און דער איינציקער . . . (פאַטשט

איר לייכט אין באַק).

ש ע ל י א : וואָס?

מ י נ ע ו י ט ש : דו ווייסט.

ש ע ל י א : ניין, איך ווייס ניט.

מ י נ ע ו י ט ש : דער איינציקער אין לעבן. יאָ? זאָג — יאָ?

ש ע ל י א : שוין טאַקע? ניין, ניט איצט. (דערזעענדיק ראַניטשן צוריקקומען) האַלאָ, ראַניטש. וואָס מאַכט איר?

ר אַ נ י ט ש : (וויל עפּעס זאָגן. געפינט נישט קיין ווערטער. טוט אומבאַשטימט אַ מאַך מיט דער האַנט).

מ י נ ע ו י ט ש : איך וועל איצט גיין, שעליא. איך דאַרף נאָך צוגיין אויף אַ פלאַץ. כ׳וועל קומען שפּעטער.

ש ע ל י א: אַלרייט, דירעקטאָר. און איך וועל דער־ווײַלע טרינקען אַ גלעזל קאַווע.

(מינעוויטש טוט איר ווידער אַ לייכטן פּאַטש אין דער באַק און גייט אַרויס).

ש ע ל י א: (צו ראַניטשן, אַ פריילאַכע) איר ווייסט? איך גיי שפּילן די הויפּט ראָל אין „די זינדיקע טעכטער"!

ר אַ נ י ט ש: די הויפּטראָל? טאַקע? וואונדערבאַר . . .

ש ע ל י א: מינעוויטש איז אַ שטיק גאָלד. אַן עמעסער פריינט.

ר אַ נ י ט ש: ממ . . . יאָ.

ש ע ל י א: אַ דאַנק אייך פאַר דער ליד, וואָס איר האָט מיר געווידמעט. איר האָט עס טאַקע געמיינט, וואָס איר האָט געשריבן?

ר א נ י ט ש: איעדער וואָרט.

ש ע ל י א: כ'האָב ניט אַלעס פאַרשטאַנען, אָבער עס מאַכט ניט. ס'איז גוט סיריוסיי.

ר א נ י ט ש: (שמייכלט) פּאָעזיע, שעליא, טאָר מען ניט פאַרטייטשן. און איך וועל עס ניט פאַרטייטשן. אויב ס'איז אומפאַרשטענדלאַך און אויב ס'האָט ניט אָנגעוועיעט אויף אייך, אַמוויניקסטן, אַ שטימונג, איז מיין פּאָעזיע, ווייזט אויס, גאָרניט די ווערט און איך בין אַ שלעכטער פּאָעט. אָבער איין זאַך וועל איך אייך זאָגן זייער קלאָר, אַז איר'ט יאָ פאַרשטיין. איך האָב שוין געקליבן זיך זאָגן עס אייך און שטענדיק מישט זיך אַריין עפּעס אַ שטערונג. ס'איז אַזוי שווער צו טרעפן אייך אַליין, איבערהויפּט איצט, זינט מינעוויטש . . .

ש ע ל י א: (שלאָגט אים איבער) איר וועט מיר ענט־

שולדיקן אויף אַ מינוטקעלע. איך וויל קאַווע, אַז איך שטאַרב. איר ווילט עפּשער אויך אַ גלעזל ?

ר אַ נ י ט ש : צו וואָס זאָלט איר זיך מאַטריאַך זיין? דער ווייטער קאָן ברענגען.

ש ע ל י א : אַ, נאַרישקייטן. (זי גייט אַריין אין צווייטן צימער. ראַניטש פאַריכט דעם שניפּס און פאַרקעמט די האָר. שעליא קומט צוריק מיט צוויי גלעזער קאַווע. זעצט זיך אַנידער, קוקט אין דער ראָל און טרינקט).

ר אַ נ י ט ש : איך זע, איר זענט אינגאַנצן אַבזאָרבירט איצט מיט אייער קונסט. איך פאַרשטיי אייער צושטאַנד. דער ציטער און נייגיר צו שפּילן שוין, צו שאַפן. איר וועט אָבער מוזן אויסהערן מיך דאָס מאָל. שעליא . . . איך . . .

ש ע ל י א : (שרייט אויס פּלוצים אַ באַגייסטערטע) אוי. ווי גוט! ווי גוט!

ר אַ נ י ט ש : איר האָט ניט געהערט, וואָס איך האָב צו אייך גערעדט. אָט פּונקט, ווי איך הער ניט אַמאָל, וואָס מיין מאַמע רעדט צו מיר, ווען איך שרייב אַ ליד.

ש ע ל י א די ראָל איז אַן אויצער, ראַניטש, אַן אויצער!

ר א נ י ט ש : איר אויך.

ש ע ל י א : איר וועט מיר ענטשולדיקן. איך מוז אָבער גלייך גיין און לייענען די ראָל פאַר דער מאַמען. נאָך אַלעמען, זי איז דאָך אַמאָל אויך געווען אַן אַקטריסע.

(זי גייט אַרויס. ראַניטש בלייבט זיצן אַן ענטוישטער. נעמט אַרויס פון קעשענע אַ בויגן פּאַפּיר, לייענט און וויל אים צערייסן. ער באַרעכנט זיך אָבער און לייגט דעם בויגן אַריין צוריק אין קעשענע).

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן : כע־כע־כע! קונסט! דער זיסער סאָם! דאָס געטראַנק, וואָס אונדזער פריינט עראָס

מישט אַזוי קונציק און כיטרע. קונסט! צו פאַרפירן, צו פאַרנאַרן, צו פאַרשיקערן מיט פיינקייט. איין געשלעכט קעגן צווייטן: צו פאַנגען, צו פאַנגען, צו פאַנגען! מינע־וויטש שעליאַן — מיט קונסט. אַ ראָל — אַ צאַצקע, און דאָס צאַצקעלע איז געפאַנגען. ראַניטש אין זעלבסטהיפּ־נאָז פון דעם, וואָס ער רופט קונסט, טוט דאָסזעלבע מיט אַ ליד. און בלויז דערפאַר, ווייל זיין קונסט איז איידע־לער, זיין קונסט איז טיפער און די פעדים מיט וועלכע ער וויל זי פאַרציען, זענען דינער, מיינט ער, אַז ער איז איידעלער און עהרלאַכער. ער וויל אָבער דאָסזעלבע, וואָס מינעוויטש וויל. קונסט! כע!

דער אינגרויען: מיין פריינט, קונסט אין אַלע פאָרמען, מיט אַלע ניואַנסן רירט אָן די איידלסטע סטרונעס אין מענשן. עס דערהויבט אים איבער דער כאַיע צו געניאַליטעט, צו געטלאַכקייט. עס דערוועקט אין אים דאָס עמאָציאָנעלע און עס מאַכט אים וויכער, האַרציקער, פאַרשטענדלאַכער.

דער אינשוואַרצן: כאַ־כאַ־כאַ! ווי שטאָלץ דו ביסט, וואָס האָסט זיך דערהויבן איבער דער כאַיע צו געניאַליטעט, און ווי בלינד דו ביסט, וואָס זעסט ניט די לעכערלאַכקייט פון דעם פאַראַדאָקס און די פאַלשקייט אין דיין זיכערקייט. מיין פריינט, האָסט אַמאָל געזען, ווי כאַ־יעס שפּילן זיך, ווי זיי פוצן זיך, ווי זיי קאָקעטירן און גיבן זיך איבער זייער קונסט פון פאַנגען? זייער קונסט איז אַ סאַך עהרלאַכער, אָפענער און ניט אַזוי היפּאָקריטיש ווי די מענטשלאַכע. יאָ, און די דערהויבנקייט צו געטלאַכקייט! כע! עס מאַכט זיי וויכער, האַרציקער, פאַרשטענדלאַכער! כע־כע! — בלוטדורשטיקער, האָסטו באַדאַרפט זאָגן!

(צווי ברידער קומען אַריין. דער ערשטער, אַ הויכער, געזונטער יונגערמאַן. דער צווייטער — אַ צאַרטער, אַ גערער, אין ברילן. קומען אַראָפּ, פאַרנעמען אַ טישל).

עלטערער ברודער: קיין בעסערן רעסטאָראַן האָסטו ניט געקאָנט געפינען? איך קאָן זיך פאַרגינען, דאַנקען גאָט. וואָס געפעלט דיר דאָ אַזוינס?

אינגערער ברודער: ס'איז ניט קיין רייכער רעסטאָראַן, אָבער דאָ איז פאָרט פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס מ'רופט אַטמאָספערע. עפּעס איז דאָ אַנדערש. די מענטשן און אַלעס . . . וועסט זען, ס'וועט דיר ניט באַנג טאָן.

עלטערער ברודער: אַלרייט, סע געפעלט דיר דאָ, זאָל זיין דאָ. איך וואָלט אין אַזאַ לאָך אפילו נישט אַריינגעקוקט. נו, און אַ ווייטער? מ'דאַרף זיי דאָ אָפּרופן אויפן טעלעפאָן, צי עפּשער דאַרף מען זיי באַשטעלן פריער? (קלינגט אין גלאָז) ווייטער!

ווייטער: (גייט צו) יעס.

עלטערער ברודער: איך וויל אַ סטעיק. אָבער אַ גוטן סטעיק. מידיום. אָבער אַז איך זאָג מידיום, מיין איך מידיום. מיט גרעיווי . . . און מיט דרעסינג . . . פאַרשטייסט וואָס איך מיין?

ווייטער: יעס, סער.

עלטערער ברודער: און פאַר אים אויך אַ סטעיק. די סעים טינג.

אינגערער ברודער: איך וויל נישט קיין סטעיק.

עלטערער ברודער: איך זאָג אַ סטעיק, וועט זיין אַ סטעיק. קוקסט דאָך אויס ווי אַ געפּעגערטער פון דיינע גרינע קרייטעכצער. פון על חטא ווערט מען ניט פעט. אַ סטעיק!

ווייטער: עפּעס נאָך?

ע ל ט ע ר ע ר ב ר ו ד ע ר : לאָמיר זיך דערוויילע ספּראָווען מיט די סטעיקס. דערנאָך וועלן מיר זען.

(דער וועיטער גייט אָפּ).

ע ל ט ע ר ע ר ב ר ו ד ע ר : נו, ביז מ׳וועט ברענגען די סטעיקס, וועל איך דיר דערוויילע געבן אַ קאַפּל אָוו פאַינטס. דאָ, פאַרשטייסטו מיך, איז אַמעריקע, ניט פּיטשוטש. אַלעס, פאַרשטייסטו מיך, איז דאָ „סיילעסמענשיפּ״. דער קונץ צו פאַרקויפן. אַלעס פאַרקויפסטו. אַפילע זיך פאַרקויפסטו. גייסט אַרויס מיט אַ מיידל, דערציילסט איר וועגן דיינע מאַלעס, פאַרקויפסטו עס צו איר. ביסט אַ סבוירע, פאַרשטייסט? ס׳איז ביזנעס. און אַלעס, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף גיין מיט אַ שמייכל. „סמאַיל — ענד די וואָרלד וויל סמאַיל וויט יו״. שמייכל, וועט די גאַנצע וועלט שמייכלען מיט דיר. פאַרשטייסט?

א י נ ג ע ר ב ר ו ד ע ר : כ׳פאַרשטיי... כ׳פאַרשטיי.

ע ל ט ע ר ע ר ב ר ו ד ע ר : פאַרגעס, אַז איך בין דיין ברודער. ווילסט אַרבעטן מיט מיר — לערן זיך פון מיר. אַט זענען מיר היינט אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן. גייסטו אַרום ווי אַ כוימעלע און שוויַיגסט! קומסט אַריין אין אַ הויז — רעד. האָב ניט קיין מוירע. רעד איטאַליעניש, רעד פּויליש, רעד ענגליש, רעד טאַטעריש — אָבער רעד. שטיי ניט, ווי אַ פילאָסאָף און שוויַיג. שוויַיגן וועסטו אינדערהיים. און דריי ניט מיט דער נאָז, ווען איך פאַררייס אַ פרייז. אַז וועסט טראַכטן פון יושער אין אַמעריקע, מעגסטו זיין זיכער, אַז וועסט פּעגערן אַ קאַבצן. און נאָך אַ זאַך: באַווייז ניט דיין אינטעליגענץ, ווען דו רעדסט מיט זיי. וואָס רעדסטו צו זיי, צו די כאַמולעס, מיט דיין „אַאוטסטענדיק קוואַליטי״ און מיט „סופּיריאָר וועליו״. רעד צו זיין דבורים, זיי זאָלן דיך פאַרשטיין. דו האַרגעסט דאָך מיר אַוועק די ביזנעס! זיי האָבן דאָך מוירע פאַר דיר!

איינגערער ברודער: אַלרייט... אַלרייט.

(דער וועיטער ברענגט זיי, דערווײַלע, וואַסער און ברויט. אין דער צייט וואָס זיי רעדן, קומט אַראָפּ אין רעסטאָראַן טאַבאַק — אַ מאָלער. מיט זיין אויסזען, האַל טונג און רעדן איז ער זייער ענלאַך צו דעם אין שוואַרצן. רויכערט אַ ליולקע. דערזעענדיק ראַניטשן, גייט ער צו צו אים, טוט אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע).

טאַבאַק: וואָס זיצט אַ באָכער פאַרטראַכט?

ראַניטש: אַט, גלאַט אַזוי.

טאַבאַק: אַ ניי ליד ווערט געבוירן, צי עפּשער האָט איך אַן אַמורטשיקל געטראָפן מיט אַ פייל גלייך אין הער־צעלע?

ראַניטש: וואָס גייט עס אייך אָן?

טאַבאַק: מיר?! וואָס אַרט מיך? אָבער אַז אַ באָכער ווידמעט שעליאַן אַ ליד, און קומט אַהערצו יעדן טאָג, און זיצט אַזוי פאַרטראַכט, ווייס איך שוין, אַז ער איז פאַר־ליבט.

ראַניטש: און אַז פאַרליבט, איז וואָס?

טאַבאַק: גאַרניט. איך זאָג דען עפּעס? די עמעסע ליבע אָבער, די ליבע, וואָס קנאַקט און זידט, ווי אַן אָנ־געצונדן פייערל — די ליבע נערט זיך ניט מיט אויס־געטראַכטע לידלאַך. ליבע, מיין פריינט, איז אַזאַ צו־שטאַנד. אַזאַ קראַפט אין כאַיעשן און אין מענטשלאַכן לעבן ווי עלעקטריק אין דער נאַטור, אַ שטייגער. עס זאַמלט זיך אין דיר אַן ענערגיע, עס ברויזט דאָס בלוט, און לאָ־מיר זאָגן, שטימונגען זענען אויך פאַראַן, ווי שוועבנדע כמאַרעס; די אויגן, ווי בליצן, דער באַריר פון לייב, דער קאָנטאַקט — אַ שאַק, אַ ציטער — און סע קראַכט דער דונער — — — — — ררררראַאַססם! מע זעטיקט זיך אין

שטורעם און די נאַטור באַרואיקט זיך. אַט דאָס, מיין פריינט, איז ליבע. איך האָב נאָך קיין איין פרוי ניט גע־ווידמעט קיין בילד, פון די בילדער, וואָס איך מאָל. ווען איך מאָל זי, ווערט זי אַנגערעגט פון מיינע בליקן, וואָס קיצלען איר קערפּער, און ווען איך בין פאַרטיק מיטן בילד, איז זי פאַרטיק פאַר דעם שטורעם, כע!

ר א נ י ט ש : איר זענט אַ ציניקער.

ט א ב א ק : איר, דיכטער, מיינט, אַז אָנרופן יענעם אַ ציניקער, איז אַ באַליידיקונג. אַ ציניקער, מיין פריינט, איז דער, וואָס זעט דאָס לעבן אין אַ ניט פאַרבלענדנדיק ליכט, וואָס רופט אָן יעדע דערשיינונג, יעדע פונקציע מיטן עמעסן נאָמען, נישט מיט פאַרמאַסקירטע עטישע—שמעטישע—עסטעטישע פּראַזורייען. זאָג דעם עמעס, וועט מען דיך ניט רופן ליגנער. איר בלאָפט זיך ראַניטש, זיך אַליין בלאָפט איר. וואָרום, ווי וואָלט איר אויסגעדריקט אייער הייליקע פונקציע, ווען איר וואָלט כאָסענע געהאַט מיט דער מיידל, וואָס איר האָט ליב, ניט ווי איך? ניט ווי אַן אַנדערער? אַדערש? ווי אַזוי אַנדערש? זאָגט מיר אוי איך וועל גערן לערנען עפּעס נייס אין לעבן.

ר א נ י ט ש : ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס מ'רופט גייסט, און שענקייט, און אויך דאָס עטיש־שמעטיש—עס־טעטישע, וואָס איר וואָלט כאָטש אַביסל באַדאַרפט פאַר־מאָגן, אַלס מאלער און קינסטלער. איר, מאלער, זענט אָבער געוואוינט צו זען מער דאָס פיזישע, ווי דאָס גייס־טיקע, ווייל אייער קונסט פאָדערט מער די פאָרם, דעם קאָליר, ווי דעם אינהאַלט.

ט א ב א ק : מאַכט זיך ניט נאַריש. יעדע זאַך האָט איר אינהאַלט, אַפילו דאָרט, וואו איר זעט עס ניט, אָדער קאָנט עס ניט זען. אָבער דאָס, וואָס איז ביי אייך מיעס, איז ביי אַ צווייטן עפּשער שיין. אַי, ברודערקע, ווען מ'־נעמט אייך אָט אַזוי, ווי איר זיצט, און מ'שלעפּט אייך אַריין

אין אַ לאַבאָראַטאָריע, און מ׳עפנט אייך אויף מיט אַ מעסערל, אָבער אַזוי, אַז איר אַליין זאָלט קאָנען בעאָבאַכטן די אָפּעראַציע, און מ׳ווייזט אייך, וואָס עס טוט זיך אָביסעלע ביי אייך אין . . . מאָגן, לאָמיר זאָגן, און איר זעט מיט וואָס איר טראָגט זיך אַרום; צי מ׳נעמט די מיידל אין וועלכער איר זענט פאַרליבט און מ׳ווייזט אייך, וואָס עס טוט זיך ביי איר אָט טאַקע אין איר בייכעלע, וואָס איר וואָלט אַזוי גערן געגלעט און געקושט. נו? ליגט עס אָבער פאַרבאָרגן פון אייערע אויגן און פאַרדעקט מיט שיינער, גלאַטער, וואַרעמער הויט. ס׳איז אָבער דאָרט. ס׳איז אָבער אַן עמעס. און ס׳איז אייך ניט פריקרע, און ס׳איז אייך ניט מיעס. און פּאַשעט דערפאַר, ווייל מיר האָבן ביי זיך אַזוי אָפּגעמאַכט: מיר זעען עס ניט — ווייסן מיר ניט. אָפּגעמאַכט מיטן גערדאַנק, איר פאַרשטייט.

(דער אין שוואַרצן אָפּלאָדירט).

ר א ב י ט ש: אַך, טאַבאַק, ס׳איז אַ שרעק מיט אייך צו רעדן. ווען אַלע מענטשן זעען אין לעבן נאָר דעם ברוטאַלן עמעס, אָן אילוזיע, וואָלט דאָס לעבן ניט געווען אָנגענעם. אילוזיע אין לעבן איז דאָך דאָס, וואָס ביי אייך די פאַרבן.

ט א ב א ק: אָט־אָט־אָט! אילוזיע! איר זענט גערעכט. אילוזיע — פאַר די, וואָס זענען שוואַך. פאַר די, וואָס האָבן מוירע אַ קוק צו טאָן אונטערן בעט צו איבערציינגען זיך, אַז ס׳ליגט ניט דאָרט קיין גאַנעוו. אילוזיע פאַר די דאָזיקע, וואָס ווילן מיט דעם פאַרדעקן די אייגענע נידערטרעכטיקייטן, וואָס זענען נידערטרעכטיקייטן נאָר דאַן, ווען אַנדערע טוען עס, אָבער ניט ווען זיי אַליין טוען עס. יאָ! אילוזיע פאַר שוואַכינקע נעשאָמעלעך. איך בין אָבער ניט קיין שוואַכלינג, און ווען איר רופט מיך ציניקער, איז אַ דאַנק פאַר דער גוטער מיינונג.

ר א ב י ט ש: ניטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען.

ט א ב א ק: אויב אַזוי, וועל איך טרינקען אַ גלעזל קאַווע. איך דענק איך וועל זיך דאָ צוזעצן צו אייך. (זעצט זיך. טוט אַ מאַך מיט דער האַנט צום וועיטער. דער ווע־טער קומט צו). קאַווע און אַ קיכל.

(שעליא קומט אַרויס פון צווייטן צימער. דערזעט טא־באקן און גייט צו צו אים).

ש ע ל י א: האַלאָ, טאבאק. איר האָט געהערט? איך שפיל די הויפּט ראָל אין די „זינדיקע טעכטער".

ט א ב א ק: ביי מינעוויטשן?

ש ע ל י א: יאָ.

ט א ב א ק: איך פאַרגין אים ניט, דעם פּאַסקודניאַק, אַזאַ אַקטריסעלע. אָבער דאָך ווינש איך דיר און אים אַ קאָלאָסאַלן דורכפאַל אין דער שמאַטע.

ש ע ל י א: אַך, איר זענט אונערטרעגלאַך, טאבאק.

ט א ב א ק: פאַרשטייסטו מיך: דערפאָלג מיט דער פּיעסע וועט מיינען זיין דערפאָלג מיט דיר. איז . . . אייגנטלאַך, האָב איך גאָרניט קעגן דעם, וואָס עס קאָן געשען און וואָס עס וועט מעגלאַך געשען. איך בין אָבער, זאָגט ראַניטש, אַ ציניקער, און איך וועל צו דעם צוגעבן, אַז אַ ציניקער איז אַ מין פילאָסאָפישער עגאָאיסט, נו, פאַרגין איך ניט דעם נייעם דירעקטאָר, מ'שטיינס גע־זאָגט, וואָס עס פאַלט צו אים אַריין אַזאַ גוטער ביסן.

ש ע ל י א: וואָס גייט עס אייך אָן? איך זע ניט, אַז איר זאָלט אַזוי וועלן דעם ביסן.

ט א ב א ק: דו זעסט ניט?

ש ע ל י א: ניין. און . . . איך האָב זיך דערמאָנט. איך האָב אייך טאַקע געוואָלט עפּעס פרעגן. (צו ראַניטשן) איר וועט אונדז ענטשולדיקן אַ מינוטקעלע?

ר א נ י ט ש : (וויל זיך אויפהויבן) אַ, יאָ, זיכער.

ש ע ל י א : ניין, איר זיצט. (צו טאַבאַקן) בלויז אַ פּאָר ווערטער, טאַבאַק.

(זיי גייען אַוועק אין אַ ווינקל. בלייבן דאָרט שטיין).

ט א ב א ק : יאָ, שעלקא.

ש ע ל י א : איר האָט דאָך נעכטן אָפּגעשמועסט מיט מיר, אַז איר וועט מיך אָנהויבן מאָלן. איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר וועט וואַרטן אויף מיר דריי אַזייגער אין אייער סטודיאָ. וואו זשע זענט איר געווען?

ט אַ ב אַ ק : אין דער סטודיאָ.

ש ע ל י א : ס'אַ ליגן. איך בין געקומען פּונקט דריי, און איך האָב געקלונגען און געקלונגען, און קיינער האָט ניט געענטפערט.

ט א ב א ק : (טוט אַ שמייכל און אַ צופּ איר אויער) נאַריש מיידל, כ'האָב ניט געקאָנט ענטפערן.

ש ע ל י א : פאַרוואָס?

ט א ב א ק : כ'האָב געהאַט אויפן לייוונט אַ מאָדעל.
ש ע ל י א : אָך! איר זענט . . . איר זענט . . .

ט א ב א ק : וואָס דערוואַרטסטו פון אַ מאלער, מיין ליבע? דאָס איז מיין קונסט. און אין מיין קונסט זענען אויך פאַראַן מאָטיוון, געלעגנהייטן, אינספּיראַציעס און . . . אָט, ווי ביי דיר מיט מינעוויטשן, אַ שטייגער.

ש ע ל י א : וואָס מיינט איר?

ט א ב א ק : זיי ניט בייז. ביסט אַ קלוג מיידל. זיי אַ ספּאָרט. שפּיל ניט דאָס היפּאָקריטישע, אויגן־פאַרבלענדנ־דיקע מיט מיר. ס'איז אָריגינעלער צו זיין ווי איך, און

ס׳איז געזונטער און אינטערעסאַנטער, כאָטש מ׳ווערט גע־
האַסט דערפֿאַר.

ש ע ל י א : מיר דוכט כ׳האָב געהאַט אַ טאָעס אין
אייך. איר ווייסט, טאַטאַק? איר האָט דערוועקט אין מיר
געדאַנקען און געפילן מער ווי . . . עס וואָלט געווען גע־
זונט פֿאַר מיר. איך וועל אייך איצט, גראָדע, זאָגן דעם
עמעס, ווייל איר זענט אַ טייוול. איר זעט מיך, ווייס איך,
סיי ווי סיי דורך און דורך. ניין, ניין, מיינט ניט אַז איך
האָב דאָ אינזינען זיך און מינעוויטשן. ניין, זאָל גאָט אָפּ־
היטן. איך מיין, אַז איר זעט מיין געפיל צו אייך, און איך
ווייס, אַז איך וועל אייך ניט אָפּנאַרן. דערפֿאַר זאָג איך
אייך איצט: איך האָב אייך, דוכט זיך, ליב. איך ווייס,
אַז דאָס לעבן מיט אייך און מיין גאַנצע צוקונפֿט וואָלט
געווען אַ קאָלאָסאַלער דורכפֿאַל, ווי איר דריקט זיך אויס.
איך האָב אייך אָבער ליב באַקומען. אַן אַנדערן וואָלט איך
עס ניט געזאָגט. פֿון זינט איך קאָן אייך, געפֿעלט איר מיר.
און כ׳קאָן ניט פֿאַרגעסן אַן אָוונט מיט אַ דריי יאָר צו־
ריק. איר געדענקט? איך בין דאַך דעמאָלט נאָך אַ קינד
געווען כמעט. און איר האָט מיך באַגעגנט ביים טעאַטער
און מיר זענען געזעסן צוזאַמען. און איר האָט מיך דע־
מאָלט צוגעדריקט צו זיך און געגלעט אַזוי צאַרט און . . .
איצט האָב איך געמיינט איז געקומען די צייט . . . נו . . .
אָנצובינדן דעם קאָנטאַקט. און איך האָב זיך אַזוי גע־
פֿרייט, וואָס איר האָט מיך, ענדלאַך, געבעטן צו פֿאַזירן
פֿאַר אייך. כ׳האָב געמיינט, אַז מיט מיין יוגנט וועל איך
דערוועקן און פֿאַרוועבן אין אייך עפּעס אַ ניי געפֿיל און
. . . אַך, צו וואָס רעד איך דאָס . . . איר האָט זיך דאָרט
פֿאַרשפּאַרט מיט . . . ווער ווייס מיט וועמען, געלאָזט מיך
פֿאַרן צוויי שטונדן קימאַט צו אייך, געלאָזט מיך קלינגען
ווי אַ נאַריש מיידל און צום סאָף קוקט איר איצט אויף מיר
מיט אַזעלכע בליקן, אַז איך וואָלט געשוואוירן, אַז איר
זענט פֿאַרליבט אין מיר. אָבער ווען איך קום איצט צו

אייך, וואָלט איר עפשער געלאָזט וואַרטן אַן אַנדערע. טאַ־באַק, איך בין שוין אַ פרוי ניט אַ מיידעלע. איר האָט עס באַדאַרפט וויסן.

ט א ב א ק : (שמייכלט) איך ווייס, און ס׳איז מיר גע־פעלן, וואָס האָסט געזאָגט. אויב כ׳האָב דיר ווי געטאָן, האָב איך עס ניט געטאָן אַבזיכטלאַך. מיין פילאָסאָפיע איז עפשער גרויזאַם פאַר אַזעלכע ווי דו און ראַניטש. איר וואָלט געוועזן אַן אידעאַל פּאָרל. איך אָבער . . . איך ביז אַן אַלטער הונט און אַן אַלטן הונט קאָן מען ניט לערנען קיין נייע קונצן. דו געפעלסט מיר זייער. און ווען איך וועל דיך מאָלן . . .

ש ע ל י א : (שלאָגט איבער) איר וועט מיך ניט מאָלן. ס׳איז אויסגעשלאָסן.

ט א ב א ק : איך וועל דיך יאָ מאָלן, שעלקאַ, דו וועסט קומען.

ש ע ל י א : איך וועל ניט קומען.

ט א ב א ק : דו וועסט קומען.

ש ע ל י א : איך וועל ניט. (לאָזט זיך גיין צוריק צום טישעל. טאַבאַק נאָך איר).

ד ע ר א י ן ש ו ו אַ ר צ ן : זי וועט קומען. זי זאָגט „ניין" אום צו צערייצן דעם „יאָ". זי וועט קומען.

(עס לויפט אַראָפּ די טרעפּ אַ בלאָנדער יונגערמאַן. קוקט זיך אַרום. דרייט נערוועז דעם ציגאַר־שפּיץ מיטן סיגאַרעט אין מויל. לויפט צו צום טישל וואו שעליא, טאַ־באַק און ראַניטש זיצן).

ב ל אָ נ ד ע ר : זדראַוווסטוואוטיע, גאָספּאָדאַ! ניע ווי־דאַלי זדיעס קוטשערא? ניעט? וואָט בעזאָבראַזיע! וואָט בעזאָבראַזיע!

טאבאק: דו קנאַקסט נאָך אַלץ רוסיש, בלאָנדער? מיינסט נאָך אַלץ, אַז ביסט אין אדעס אויף דער דערו־באַטאָווסקאיא? קום אַהער, זעץ זיך אַוועק. וואָס מאַכט דיין ווייבל?

בלאָנדער: אָנאָ, פּאָנימאַיעש, טאָוואָס...

טאבאק: ניע פּאָנימאַיו.

בלאָנדער: (זאָגט אים עפּעס אויפן אויער).

טאָבאָק: (צעלאַכט זיך הילכיק) וואָט קאָק! מאָ־לאָדיעץ, בלאָנדער! נו, טשטאָזש, דיעלא נאַטוראַלנאַיע.

בלאָנדער: אָקאָקזשע! טאָק ניע ווידאָל קוטשע־ראָ? וואָט בעזאָבראַזיע! אגדיע ראטאָו, מאָזשעט אָן זנאָ־יעט.

טאבאק: (ווייזט מיטן פינגער אין צווייטן צימער) דאָרט, רוסאָק. ווען וועסטו שוין ווערן אַ מענטש און אויפ־הערן שפּרינגען ווי אַ צאַפּ און רעדן כאָטש אַ וואָרט אידיש.

(דער בלאָנדער לויפט אַוועק אין צווייטן צימער.
(אַ יונגערמאַן מיט אַ מיידל קומען אַריין. ער טראָגט מיט זיך אַ פידל. זי איז מאָגער, בלאַס, די ליפּן שטאַרק אָנגערויט. אונטער די אויגן שוואַרצע פּאַסן. הוסט אָפּט און רויכערט אַ סך. זיי זעצן זיך אַוועק ביי אַ טישל. ער לעגט אַנידער דעם פידל אונטער דעם בענקל).

דער יונגערמאַן: אָט זענען מיר ענדלעך דאָ.

די מיידל: מיר געפעלט דאָ.

דער יונגערמאַן: יאָ? כ'בין צופרידן, וואָס ס'געפעלט דיר. (דריקט איר האַנט)

(דער בלאָנדער קומט ווידער אַריין. ראטאָוו נאָך אים).

דער בלאָנדער: (צו ראטאוון) סקאַזאָל טשטאָ בודיעט? דאָ? טאק יאָ זדיעס פּאָדאָזשדו.

(דער בלאָנדער זעצט זיך צו צום טישל נעבן טאַבאַקן. ראַטאָוו זעצט זיך אויך נעבן זיי. ער הויבט זיך אָבער גלייך אויף, ווען ער דערזעט אַריינקומען אַ מאַן מיט אַ פרוי. גייט זיי אַנטקעגן, פירט זיי צו אַ טישל. דער מאַן, אַ שוואַרצער, אַן אויסגעצערטער. די פרוי — אַ דיקע, רייך געקליידט, באַהאַנגען מיט צירונג. זיי זעצן זיך אַנידער).

די פרוי: אוף! ס'איז דאָך דאָ קיינער נישטאָ! וואו איז די קאַבאַרעי פון וועלכער דו האָסט גערעדט? וואו איז דאָ דער „פאַן" דאָ? וואָס האָסטו מיך געבראַכט אין דעם „דאַמפּ"?

דער מאַן: ס'איז אַלרייט, וועסט נאָך האָבן „פאַן" שפּעטער. איך בין שוין דאָ געוועזן אַמאָל, ווייס איך. דער „פאַן" דאָ, פאַרשטייסטו מיך, איז ניט ווי אין אַ טעאַטער. דאָרטן שטעלט מען אויס אַ בינע. דאָרטן מושטירט מען די מיידלאַך ווי ציגן און די יונגען ווי באָקן, און ס'איז דאָ אַ דירעקטאָר. און אַז דו קומסט אַריין, מוזטו באַצאָלן פאַר דעם פאַרגעניגן. דאָ קומט אַלעס פון זיך אַליין. מיר אַליין מאַכן דאָ דעם שפּאַס.

דער אין שוואַרצן: פּראַכטפול! אויסגעצייכנט! ער פאַרגעסט אָבער צוצוגעבן, אַז ער אַליין איז אויך אַ באָק, וואָס איז מושטירט פון אַ דירעקטאָר, און דער דירעקטאָר איז אַ בעהיימע, אַ קו. און פאַר דעם „פאַן", וואָס ער קריגט, מוז ער באַצאָלן. און נאָך ווי אַזוי באַצאָלן! טו אַ קוק ווי ער האָט זי באַהאַנגען מיט שטיינער, מיט בריליאַנטן! און טו אַ קוק אויף אים: ער איז דאָך אויסגעמאַטערט, אויסגעצערט; אָפּגעאַרבעט אַ לעבן אין די שעפער, געזאַמלט אַ סענט צו אַ סענט, ביז דער גאָט זיינער האָט אים געהאָלפן און ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. און ווען ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט האָט ער אָנגעהויבן שינדן די הויט פון אַנדערע. אָבער וואָס מער ער האָט געמאַכט, אַלץ מער האָט ער באַדאַרפט, אַלץ מער האָט זי געפּאַ־

דערט. נו, האָט ער אַ הויז; נו, האָט ער צוויי אַטאָמאָ־בילן; נו, האָט ער זי באַהאַנגען מיט שטיינער — ווען ס׳קומט אָבער צום „פאַן״, צום שפּאַס, צום פאַרגעניגן, קאָן ער אים ניט אַ בריקע טאָן אפילו מיטן פוס, קאָן ער אים שוין ניט איינבייסן און פאַרדייען. און זי — זי איז געווען זיין טייבעלע, זיין שוואַכענקער מאַלעכ׳ל; זי פאַרט איצט יעדן זומער אין איר זומער־היים פּאַפּראַווען זיך, און די נעכט, און די טעג, די אומצאָליק־ליידיקע פוסטע־פּאַסנע נעכט און טעג! אַכאַ־כאַ־כאַ־כאַ! און ס׳איז ניט גענוג פאַר איר! ס׳איז ניט גענוג! „פאַן״ וויל זי! „פאַן״! כע־כע!

ד ע ר א י ן ג ר ו י ע ן : גליקלאַך זענען דידאָזיקע וואָס געבן צו מאַכן יענעם גליקלאַך.

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן : כע! און אומגליקלאַך זענען די דאָזיקע, וואָס קאָנען ניט מיטנעמען דאָס געצו־מענע מיט זיך אין קייווער אַריין.

(עס קומען אַריין דריי. אַ מאַן מיט אַ רויטן שניפּס, זיין פרוי, און אַ יונגערמאַן מיט אַ ווייסן שאַרף אַרום דעם האַלדז. זיי פאַרנעמען אַ טישל).

י ו נ ג ע ר מ אַ ן : (צו דער מיידל) זיסינקע — ווען?

מ יי ד ל : צערייץ זיך ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן : פאַרוואָס זאָל איך זיך ניט צע־רייצן? עס איז דען אומאַנגענעם?

מ יי ד ל : איך ווייס ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן : יעדעס מאָל, ווען איך גיי מיט דיר אַרויס, קום איך אַהיים אַן אַנגעצונדענער. דאָס צימער מיינס, ווייזט זיך מיר, מאַכט כויזעק פון מיר; וואו איז שוירלי? וואו? פאַרוואָס ווילסטו נישט קומען צו מיר? מיר וואָלטן געקאָנט זיצן אויף מיין בעטל, צי אויף אַ שטול. מיר

וואָלטן גערעדט, אָדער מיר וואָלטן געהערט די מוזיק פון ראַדיאָ. און אויב דו וואָלסט געוואָלט, וואָלט איך געלייענט פאַר דיר עפּעס, אָדער איך וואָלט געשפּילט אויפן פידל. צו וואָס זיצן דאָ? קום. מיר קאָנען נאָך איצט אויך גיין. קום —

מ יי ד ל: און אין צימער וואָלסטו צו מיר צוגעשטאַנען, וואָלסט מיך געקושט און . . . (פאַרהוסט זיך)

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: איך וואָלט ניט צוגעשטאַנען. איך וואָלט געוואַרט דער באַגער דייַנער זאָל אַליין אויפוואַכן.

מ יי ד ל: דו רעדסט שיין, אָבער איך געטרויע ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: וועמען? מיר?

מ יי ד ל: דיר און זיך אַליין אויך ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: מוזן מיר דען היטן זיך פאַר דעם, וואָס מיר ווילן ביידע, ווי פאַר עפּעס שלעכטס?

מ יי ד ל: מיר מוזן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: פאַרוואָס? ס'איז דאָך זיס — ס'איז דאָך גליק — —

מ יי ד ל: צערייץ זיך ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: ווידער דאָסזעלבע. דיין יוגנט הענגט, ווי צוגעבונדן צו עפּעס אַ מוירע, צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס ווייסט אַליין ניט וואָס ס'איז און צו וואָס ס'איז...

מ יי ד ל: צערייץ זיך ניט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ן: אַך — — —

ד ע ר א י ן ש ו אַ ר צ ן: נו, צו וואָס פאַרפלאָנטערט זי אים און זיך מיט דומער מוירע, און פאַרזיכטיקייט? צו וואָס פאַרלענגערט זי דעם וועג צו דעם גענוס, וואָס זי וואָלט געקאָנט געניסן און וועט אים קיינ־

מאָל ניט געניסן. דער ווייסער פּרינץ רייט שוין צו נעמען זי אין זיינע קאַלטע אָרעמס. און זי: צערייץ זיך ניט! די טעג אירע, מיינט זי, זענען סיגאַרעטן — מ׳קאָן זיי קריגן ווען מ׳וויל. דער טאָג מיט זיין גענוס איז ווי טוי אונטער די שטראַלן פון דער זון, ווי שטרוי און פייער! ברען, מיידעלע, ברען! דער ווייסער פּרינץ קומט, און ער וועט ניט וואַרטן!

דער אין גרויען: יאָ, יאָ — דאָס מאָל: יאָ, יאָ, ניט וואַרטן.

(אויף די טרעפּ באַווייזט זיך דער אַלטער דיכטער ברענער. שטייט אַ ווײַלע, קוקט אַראָפּ, אָבער קיינער באַמערקט אים ניט. גייט אַראָפּ, פאַרנעמט אַ זייטיק טישל).

דער אין שוואַרצן: אָט איז אַריינגעקומען דער דיכטער. אַ גרויסער דיכטער! אַ הומאַניסט, לויט דיין גוסט און שניט. און קיינער פון די דאָזיקע וואָס זיצן ביי די טישלאַך, האָבן ניט דערפילט, אַז עפּעס העכערס, גייסטיקעס איז אַריינגעקומען צווישן זיי. ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין אַזאַ מאַגנעטישע קראַפט אין אָט דעם מין מענטש, וואָס זאָל גלייך אַנרעגן דאָס אַרומיקע, אַזאַ קראַפט פון וועלכער אַלע אויגן זאָלן אויפלויכטן און אַלע הערצער זאָלן זיך אָנוואַרעמען מיט פרייד, מיט באַגייסטערונג.

דער אין גרויען: מיך פרייט, וואָס גראַדע דו האָסט עס באַמערקט, מיין פריינט. דאָס מענטשלאַכע, דאָס גייסטיקע איז דאָ אין יעדן מענטשן. און ער, דער דיכטער, איז דער גליקלאַכסטער, וואָס קאָן דאָס מענטשלאַכע אַרויסזינגען פון זיך. מוזן מיר דען זען דעם גלאַק פון וועלכן וואונדערבאַרע קלאַנגען קומען? און עפּשער... דערפילן מיר יאָ דאָס געטלאַכע און מיר ווייסן ניט ווי אַזוי, פאַרוואָס און פונוואַנען . .

(עס קומט אָן אַ גרויסער אוילעם, פריילאַך, מיט געלעכ־

טער. זעצן זיך אוים ביי די טישלאך. די וועיטערס באַ־
דינען).

ע ר ש ט ע ר: זי איז פראַכטפול, גילדא, פראַכטפול.

צ ווי י ט ע ר: פראַכטפול ?! אַ נאַסע קאַץ.

ע ר ש ט ע ר: הער, הער! גילדא איז ביי אים אַ נאַסע קאַץ. כאַ־כאַ־כאַ!

(איינער פון די געסט גייט צו צו דער פיאַנע, הויבט אָן שפּילן אַ פריילאכס. די איבעריקע זינגען מיט פאַר אַ ווײַלע. דאָס שפּילן און דאָס זינגען איז אָבער אין דיס־קאָרד, ווערט אַ געלעכטער, און זיי הערן אויף שפּילן און זינגען.

אויף די טרעפּ באַווייזט זיך אַ טרעמפּ האַלב־שיקער, קוקט זיך איין אין די פאַרזאַמלטע, רעדט עפּעס צו זיך אַליין. אַ וועיטער דערזעט אים, גייט ער צו צו אים, רעדט צו אים שטיל, נעמט אים אָן ביים אָרעם, וויל אים אַרויס־פירן. דער טרעמפּ לאָזט זיך אָבער ניט. רייסט זיך צום אוילעם).

ט ר ע מ פּ: אָלרייט, אָלרייט . . . דזשענטלמען, קיפּ יור סיטס! . . . אָלרייט . . .

וו ע י ט ע ר: (שטופּט אים) גיי, גיי פון דאַנען!

ט ר ע מ פּ: דו! שטופּ מיך ניט, דו!! דו טראָגסט אַ פראַק און איך אַ צעריסענעם זשאַקעט—נו! דו שלאָפסט אין אַ בעט, און איך אויף אַ באַנק—נו! מיינסט צו שטאַרבן אין בעט איז בעסער? שענער? אַרום אייך, ווען איר וועט שטאַרבן, וועלן שטיין פּאַרוויינטע מענטשן — און די לופט אַרום אייך וועט שטיקן — ס'וועט שטינקען מיט מע־דיצינע, מיט קאַרבאָלקע און מיט אייך — און די נאָענטע אייערע וועלן וויינען — און איר וועט וועלן שרייען אויף זיי, און איר וועט ניט קאָנען! און אַזוי וועט איר אויסגיין — כאַ! וואָס ?!

(צווישן די פארזאמעלטע דערהערט זיך אַ געלעכטער).

וועיטער: (שלעפּט אים) קום! קום פונדאנען!

איינער פון אוילעם: לאז אים, לאז אים! לאמיר הערן, וואס ער רעדט, כאַ־כאַ־כאַ!

טרעמפּ: אז איך וועל שטארבן, וועט אויסברעכן אַ שטורעם—עסוועט דונערן — עס וועט בליצן — עפּשער וועט פאלן אַ ווייסער שניי . . . אַ ווייסער, ווייסער שניי . . . יעס סער,! אַ ווייסער שניי! איך בין ניט שיקער! העי, גיט אַ טרונק, צו אַלע רוכעס! אַ טרונק!

ראטאו: (גייט צו) קום ברודערקע, פונדאנען!

טרעמפּ: מיך ארט ניט. מיר איז דא אויך גוט. איך בין פריי. איך קאן גיין וואוהין איך וויל — און אַט יענער, און יענער — און יענער — און יענער — זעסט? זיי זענען ווי זייגערס, וואס הענגען אויף אַ וואנט —— זיי קלאפּן אָפּ אַ שטונדע נאָך אַ שטונדע — דאס גאנצע לעבן קלאפּן זיי, און זענען אלץ אויף דעם זעלבן פּלאץ. זיי האבן ליב אַ ריין בעט מער, ווי דעם זונאויפגאנג. אויב זיי זעען עס . . . ווען . . . אַמאל . . . יעס, סערריי! (צעשרייט זיך ווידער) אַ טרונק! העי! העי! אַ טרונק!

(ראטאו און דער וועיטער נעמען אים אן ביי די הענט און שלעפּן אים ארויס. דער אוילעם לאכט. ראטאו און דער וועיטער קומען צוריק אַראָפּ די טרעפּ. דער וועיטער פּאַרויה, ראטאו נאָך אים פארנייגנדיק זיך צו אַ רייכן פּאַר פאלק, וואס גייט אים נאָך. דער מאן אין אַ צילינדער. טראגט אַ שטעקן מיט אַ גאלדענעם קאָפּ; די פרוי — אין אַ רייכן ווייסן פוטערנעם מאַנטל. זיי באטראכטן קריטיש דעם פּלאץ, דרייען מיט די נעזער. דאך פארנעמען זיי אַ טישל, וואו ראטאו ווייזט זיי אָן. גלייך נאָך זיי קומען אַריין פיר יונגעלייט און פארנעמען אַ טישל אין שכיינעס מיטן רייכן פּארפּאָלק).

ד ע ר א י ן ש װ א ר צ ן: דו האָסט גארניט באַ־מערקט? זעסט יענע דריי ביים טישל וואס איז נעבן דער וואנט? דער מיטן רויטן שניפס האָט ערשט אַריינגעשטאכן אַ מעסער אין דעם יונגנמאַן, וואס זיצט נעבן דעם מאנס ווייב. קוק! — ער האלט דוכט זיך, די האנט אין דער קעשענע, אָבער די פינגער ווארגן דעם יונגנמאנס האלדז. זעסט, ער האָט איצט פארמאכט די אויגן. ער שטעלט זיך פאר, ווי דער יונגערמאַן זעט אויס אַ טויטער, ליגנ־דיק אַ צעקוועטשטער אונטער דעם אָטאָמאָביל מיט וועלכן ער וועט אים איבערפארן. קוק! איצט האָט ער דער פרוי זיינער פארוואָרפן אַ זיידענעם שנור אַרום איר האלדז. איך בין זיכער, אז ס׳איז ערגעץ פאראן אזא שנור ביי זיי אינדערהיים, און יעדעס מאל, ווען ער זעט דעם שנור, קומט אים אויפן געדאנק צו ווארגן זי. קוק! אַ גרינע שלאַנג שיפּעט ביי אים אין ברוסט. זי האָט אַריינגענומען אין אירע רינגען זיין האַרץ און דריקט און דריקט . . .
זע די ווייב זיינע: איר שמייכל איז אַ רויטער. ער פליט, ווי אַ רויטער שמעטערלינג צום יונגנמאַן און פון דעם יונגנמאַן צוריק צו אירע ליפּן. דער יונגערמאַן כאַפּט דאָס זומער־פייגעלע מיט די ליפּן און קושט עס. דער שמע־טערלינג האָט זיך ארויסגעריסן. דעם יונגנמאַנס בליקן פלעכטן אַ נעץ. אָט, געכאַפּט אַ שמעטערלינג און עס פליט שוין אַ צווייטער, און אַ דריטער, און אַ פערטער — — איר מויל איז אַן אָפענע נעסט פון שמעטערלינגען. צוויי שורות ציין — אַן אָפענער טויער פון פערל. דעם יונגנ־מאַנס ליפּן — די ליפּן פון אַ וואַמפּיר. ער וויל אַריין אין איר אינגאַנצן און אויסזויגן פון איר מויל די נעשאָמע. אָך, קוק! די נעץ פלאָנטערט זיך — די נעץ ווערט צעריסן. דער מאַן האָט מיט זיינע בליקן־שפּיזן צעריסן די נעץ, וואָס האָט געכאַפּט די שמעטערלינגען — קוק! קוק! ער וואָרגט זי מיט דעם זיידענעם שנור — ער וואָרגט זי ביז טויט. ס׳איז דאָך מאָרד! מאָרד מיטן געדאַנק, מיין פריינט, מאָרד! און דו זיצסט און שוויגסט. באָצעץ!!

(דער מאַן מיטן רויטן שניפּס טוט אַ הילכיקן פּאַטש דעם יונגנמאַן. הויבט זיך האַסטיק אויף, כאַפּט זיין מאַנטל, טוט אַ שלעפּ די פרוי ביי דער האַנט און לאָזט זיך מיט איר צום אַרויסגאַנג. טוט אַ וואָרף אויפן קאונטער אַן אַסיגנאַציע און לויפט אַרויס מיט דער פרוי אַן אויפגע־רעגטער, אַן אַנגעצונדענער און אַ ציטערנדיקער. דער אוילעם לאַכט. דער יונגערמאַן בלייבט זיצן אַ צעטומעל־טער, אַ דערשלאָגענער).

דער אײן שוואַרצן: האָסט געזען? געהערט? און פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס? ווייל ער האָט גע־כאַפּט שיינע שמעטערלינגען, האָס געהערן צום מאַן איז רויטן שניפּס. געהערן זיי טאַקע צו אים? זענען זיי טאַקע בעעמעס זיינע, נאָר דערפאַר, וואָס ער וואוינט מיט איר און זי מיט אים? זענען די שמייכלען ניט אירע? נאָר אירע? איז ניט די נעסט אירע? און טאַקע נאָר אירע? האָט זי ניט אַ רעכט צו טאָן מיט די שמייכלען אירע און מיט זיך אַליין, וואָס איר האַרץ גלוסט? אַך, מיין פריינט, ס'איז דיר שווער צו ענטפערן. דער ענטפער ליגט אָבער אונ־טערן בעט און מ'האָט מוירע אַרויסצושלעפן אים און אַ קוק טאָן אויף אים, און איבערציגן זיך, אַז ס'איז די טשוטשעלע, די טשוטשעלע, פון מענטש אַליין באַשאַפענע. ס'איז די טשוטשעלע — דער געזעץ, וואָס דער אייגנטי־מער שטעלט אַרויס אין זיין גאָרטן צו שרעקן די פייגל: ס'איז מיינס! מיינס! כ'האָב באַצאָלט דערפאַר! כ'האָב גע־קויפט איר אַרבעט, איר פראַצע, איר לייב און לבען, איר כיעס, איר פאַרגעניגן, איר נעשאָמע, אירע שמעטערלינגען און די נעסטן — מיינס, און קיינער טאָר ניט וואָגן — קיי־נער! כאַ־כאַ־כאַ!

(איינער פון די פיר יונגעלייט, וואָס זיצן ביים טיש, הויבט זיך אויף, נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר פון דער קעש־שענע און גייט צו צום מאַן מיטן צילינדער).

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : ענטשולדיקט, דזשענטלעמען ... וואָלט איר עפּשער געוואָלט עפּעס ביי־שטייערן פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס — —

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : פּרינציפּיעל מיש איך זיך ניט אין פּאָליטיק, און וואָס אנבאלאנגט ביישטייערן פאַר אַזעלכע צוועקן, איז דאָס פּאָזיטיוו אויסגעשלאָסן. איר קוקט אויס צו זיין אַ פיינער, אינטעליגענטער יונ־גערמאַן, און עס וואונדערט מיך, וואָס איר פאַרנעמט זיך מיט בעטלען פאַר אַזעלכע צוועקן. מיט מאַכן רעוואָלוציעס דאַרפן זיך פאַרנעמען באַנדיטן. אָבער צו וואָס טויג עס אייך? וואָס פעלט אייך?

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : (שמייכלט) מיר פּערזענלאַך פעלט עפּשער גאָרניט. איך אַרבעט, און איך האָב אַ צימער, און גוטע ביכער, און אַ כאַווער... אַ שיי־נע, קלוגע מיידל. נו, אַ צילינדער מיט אַ גאָלדענעם שטעקן דאַרף איך ניט. אייך, מיין הער, פעלט, מיסטאָמע, אויך גאָר ניט. אייער אַמביציע, לאָמיר זאָגן, איז פולשטענדיק באַ־פרידיקט. איר זענט אַ פאַבריקאַנט, אַ? צי עפּשער גאָר אַ וואָל סטריט מעקלער, אַ? לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז אַזוי. איך בין צופרידן, און איר זענט צופרידן. ס'איז אָבער אַ צו קליין וועלטל אָט די פּעריפּעריע, וועלכע מיר פילן אויס מיט אונדזער צופרידנהייט. פאַר מיר, מיין הערר, עקזיסטירט אַזאַ אידעאַל, וואָס איז עפּשער אומדער־גרייכבאַר היינט צו טאָג. דער אידעאַל פאַרמאָגט אָבער אין זיך אַזאַ קויעך, וואָס שלעפּט מיך אַריבער ווייט, ווייט אין די קומענדיקע דורעס, און עס ווערט שוין ביי מיר אַ ציל, ניט נאָר פאַר זיך זעלבסט, ווי אין אייער פאַל, אַ שטייגער, נאָר אַ ציל און קאַמף פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַמנאַענטסטן — פאַר אונדזערע קינדער.

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : ממא... יאָ, ס'ווערט ביי אייך אַ פאַרוויילונג אַזאַ, וואָס גייט איבער אין אַזאַרט. און אַזאַרט האָב איך פיינט.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : אין דעם אַזאָרט, ווי איר רופט עס, פאַרלירן מיט אָפט אונדזערע לעבנס.

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : די לעבנס פאַרלירט מען אָפט אין אַטאָמאָביל געיעגן אויך. איך האָב עס פיינט, איך קאָן עס ניט פאַרליידן.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : יאָ, די אַטאָמאָביל געיעגן זענען טאַקע אַ געפערלאַכער אַזאָרט אין ספּאָרט. זיי ברענגען אָבער ווייניק, כמעט גאָרניט, דער מענטשהייט. זיי שטעקן ניט אָן מיט פלאַמענדיקער ליבע, מיט אָפּפער, מיט געטריישאַפט, מיט צאָרן אָדער האַס, מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן. די אַטאָמאָביל טרייבער וועלן ניט גיין אין טפיסעס, און אויף די עשאַפאָטן, און אויף די עלעקטריק־שטולן, ווי אַ סאַקאָ און וואַנזעטי . . .

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : דערלויבט מיר צו שטעלן אייך אַ פראַגע, מיין ליבער, אָבער ענטפערט מיר אויפריכטיק, אויפריכטיק, אויף וויפל ס׳איז מעגלאַך פאַר אַ קאָמוניסט צו זיין אויפריכטיק. איר זענט דאָך אַ קאָמוניסט, איאָ כ׳האָב געטראָפן ?

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : געטראָפן.

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : נו, טאָ זאָגט מיר אַזוי אויפריכטיק, ווי איר קאָנט נאָר: זענט איר גרייט צו גיין אויף דעם עלעקטריק־שטול צוליב אָט דעם אידעאַל פון קומענדיקן טאָג ? אָ ?

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : מיין ענטפער וועט אייך ניט איבערצייגן און איר וועט סייווי ניטפאַרשטיין. ס׳איז אַ פאַקט, אַז טויזנטער און טויזנטער גייען, טאָ וואָס פאַר אַן אונטערשייד מאַכט עס, צי איך, צי אַן אַנדערער ? איך בין דאָך איינער פון די פילע טויזנטער.

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : כאָ ! קריגט נאָר אריין

עטלאַכע טויזנט דאָלאר, וועט איר זיכער ווערן אויס אי־דעאַליסט. איר זענט ניט בעסער פון מיר. איר וואָלט אויך געוואָלט זיין אויף מיין פּלאַץ. יעדער שקלאַף וויל אַרויף צום הערשער צו פאַרנעמען זיין טראָן. אַלע קלעטערן מיר צו דעם. איר קלעטערט אָבער, שלעפּנדיק מיט זיך דעם באַלאַסט פון די שווערע אידעאַלן און איר קוקט מיט האַס אויף די דאָזיקע, וואָס לאָזן דעם סענטימענטאַלן באַגאַזש אונטען. כאַ! אַ שווערן באַלאַסט טראָגט איר מיט זיך, מיין ליבער. דעם באַלאַסט פון אַ וועלט־פאַרזאָרגער. אייער אידעאַל איז ווי אַ הימלקראַצער, וועמעס באָדן איז אין די וואָלקנס.

ערשטער יונגערמאַן: און אייער אידעאַל איז אַ הימלקראַצער, וועמעס באָדן עס האַלט זיך אויף די רוקנס פון מיליאָנען אַרבעטער.

מאַן אין צילינדער: פּכע! צוליב אייער אידעאַל האָט איר אויסגעהאַרגעט מער אַרבעטער ווי איך.

דער אין שוואַרצן: ווען איך קאָן אים נישט אַזוי גוט, דעם הינטישן זון, וואָלט איך געמיינט, אַז ער איז מיינער אַ קאָרעוו.

דער צווייטער יונגערמאַן: (הויבט זיך אויף און גייט אויך צו) זעסטו, דאָס טאַקע האָב איך דאָך ערשט געטיינעט מיט אים. צוליב אַן אידעאַל אויסהאַר־גענען אַ וועלט ?!

ערשטער יונגערמאַן: נו, ביסטו טאַקע אַ נאָענטער קאָרעוו צו אים, מיין טייערער אַנאַרכיסט. דו פאַרגעסט אָבער, אַז נאָר איינע פון זייערע מילכאָמעס נעמט צו מער קאָרבאָנעס, ווי מיר געבן לעבנס צוליב אַן אידעאַל. ווילסט מ׳זאָל דיר ברענגען די פרייהייט מיט ווייסע, זיי־דענע הענטשקעס? מ׳זאָל כאָלילע ניט אָנרירן דעם היי־ליקן קאָוועד פון די פּאַראַזיטן און פאַררעטער. אַ שיין פּנים

וואָלט געהאַט אַן אַרמיי, ווען מ׳לערנט זיי אַנשטאָט שיסן און מאַרשירן — טאַנצן אַ באַלעט. פרייהייט ווילט איר! און ברענגען דאַרף מען זי צו אייך אויף קרישטאָלענע טעלערלאַך. אַנו, פּרוביר נאָר אַ בעט טאָן אַ דעמדאַזיקן אַוועקצוגעבן זיין אַנגערויבט פאַרמעגן פאַר די אַרבעטער; אַנו, פּרוביר צו רעדן צו אים מיט אַ יעזוס שפּראַך וועגן פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט . . . פּרוביר!

ד ע ר ד ר י ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: (גייט אויך צו) מיר סאָציאַליסטן פּרובירן. אַוואָדע פּרובערן מיר! איר ווילט אָבער איינגעמען די וועלט מיט שטורעם. אַביסעלע געדולד, אַביסעלע גוטע רייד, אַביסעלע קאָאָפּעראַציע, און ער וועט זיך אונטערגעבן. אָט דאָס איז טאַקע די צאָרע מיט אייך, קאָמוניסטן. איר לויפט איבער טאָלן און איבער בערג און איר האָט ניט קיין צייט. לאָזט עס צו אונדז, וועלן מיר אָט דעם מיטן צילינדער אויך מאַכן פאַר א סאָציאַליסט.

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן: אָ, איר סאָצאַליסטן האָט עס טאַקע באַוויזן. די בורזשואַזי מאַכט איר פאַר פּערטל־סאָציאַליסטן און אַליין ווערט איר האַלב־קאַפּיטאַליסטן.

פּ ע ר ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: (גייט אויך צו) אָט הער איך, ווי איר שטייט דאָ און קריגט זיך, און איך טראַכט צו זיך: איר זענט אַלע גערעכט, איר זאָלט מיר אַזוי געזונט זיין. אָבער וואָס קומט מיר, דעם אידן, אַרויס דערפון? שלאָגט מען מיך ווינציקער? טרייבט מען מיך ווינציקער?

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: אין סאָוועטן־פאַרבאַנד . . .

פּ ע ר ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: איך ווייס . . . איך ווייס... טוט מיר ניט קיין טויווע! וויפיל האָט איר אָבער

סאָוועטן ? דערוויילע רייסט מען שטיקער פון אונדז. וואָס מיר דאַרפן, ברידער, איז דאָס אייגענע לאַנד, אַן אייגענע טעריטאָריע, ארץ ישראל . . .

מ אַ ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר : דעטס רייט! פּאַלעסטאַין!

ע ר ש ט ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן : (ווייזט אָן אויפן מאַן מיטן צילינדער) **דאָ איז אים ווייניק, ער דאַרף נאָך אַ לאַנד צו עקספּלואַטירן.**

(דער מאַן מיטן צילינדער הויבט זיך אויף מיט אַ געשריי, פּאַטשעט מיטן שטעקן. דער ערשטער יונגערמאַן הויבט אויך אָן צו שרייען, דערנאָך דער צווייטער, דער דריטער און דער פערטער. די געשרייען און געוואַלטן ווערן אַלץ העכער און העכער, ביז דער טומל איז שוין אַזוי פאַרטויבענד, אַז מ'הערט שוין ניט קיין ווערטער—בלויז ווילדע קולעס. דער אוילעם הויבט אויך אָן שרייען און פון דרויסן רייסט זיך פלוצים אַריין דאָס רעווען פון אַ סירענע. עמיצער לויפט אַרויף די טרעפּ, הויבט אָן שרייען: אַ פייער! פּאָליציי!! דער אין שוואַרצן קאַטשעט זיך פון געלעכטער. האַלט מער ניט אויס און לויפט אַראָפּ די טרעפּ. קוקט אויף דעם צעפּלאָקערטן עולם אין ווילדן עקסטאַז. דער אין גרויען באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט).

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן : (צעדונערט זיך פלוצים מיט זיין שטימע) **שאַט! שאַט! נאַראָנים, שטיל זאָל זיין! עס גייט זיין מאַיעסטעט, דער טויט!**

(אַלע בלייבן שטיל. דער אין שוואַרצן גייט לאַנגזאַם צוריק אַרויף אויף דעם באַלקאָן. פון דרויסן לויפט אַריין אַ פאַרסאָפּעטער דער וועיטער)

וו ע י ט ע ר : אַן אַטאָמאָביל צוזאַמענשטויס — — — צוויי דערהאַרגעט — — —

(ס׳איז שטיל אַ ווײלע. עס נעמט אָבער ניט לאַנג, דער־הערט זיך ווידער אַ געמורמל. דאָ און דאָרטן אַ שטילער געלעכטער. פון ערגעץ שווימט אַרויס אַ האַרציק־טרויע־ריקע כאַסידישע מעלאָדיע. עמיצער זינגט מיט אַ זיסער, ווייכער שטימע. און צוביסלאַך, צוביסלאַך הויבן אָן אַלע צו זינגען. די אויגן פאַרטרוימט, די ליפּן שמייכלען — — עס הוידען זיך און עס וויגן זיך די קערפּערס . . .

די מעלאָדיע פאַרוויגט. אָט שוועבט זי העכער, אָט ני־דעריקער . . . שטילער . . . און ווידער העכער, און ווי־דער שטילער . . .

דער אין שוואַרצן: הער נאַר, הער נאַר! דוכט זיך, ערשט אזוי געשריען, אזוי געקריגט זיך — — און מ׳זינגט שוין, מע שמייכעלט שוין, מ׳שוועבט שוין צו־זאַמען אַ טרוים.

דער אין גרויען: יאַ דאָס איז די קראַפט פון האַרציקייט, פון נעשאָמעדיקייט, פון גוטסקייט, וואָס האָט זיי פאַרייניקט אין דעם ניגען.

דער אין שוואַרצן: אויף ווי לאַנג ? הא ? אויף ווי לאַנג ?

(די לעצטע כוואַליעס פון דער מעלאָדיע וויגן זיך נאָך אין דער לופט, ווען אויף די טרעפּ באַווייזט זיך די אַקט־ריסע גילדאַ. נעבן איר די טענצערין זינאַ און אַרום זיי— אַקטיאָרן. גילדאַ — אַ הויכע, שלאַנקע ברונעטין טיילט זיך אויס מיט איר אויסזען. קוקט שטאָלץ. רעדט שטאָלץ. איר שמייכל — אַ באַלוינונג. זיי בלייבן שטיין אויף די שרעפּ מיט אַן אָנשטעל, פאַזירנדיק, ווי אויף אַ בינע. עמי־צער שרייט אויס: בראַוואָ, גילדאַ! בראַוואָ! עס דער־הערן זיך אַפּלאָדיסמענטן. גילדאַ און די אַקטיאָרן פאַר־נעמען אַ טישל. דאַטאָוו לויפט צו צו זיי מיט אויסגע־שטרעקטע הענט)

ר א ט אָ ו: אָ, גילדא! זינקאָ! באַראָן! (דריקט זיי־ערע הענט).

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט י אָ ר: ראַטאָוו, מיר ווילן זיך מעסאַמייאַך זיין. האָסט עפּעס גוטן ווייַן?

ר אָ ט אָ ו: ס׳וועט זיין וויין, און פון דעם בעסטן. איך וועל באַלד צושיקן וויין, כעוורע.

(רופט צו אַ וועיטער און זאגט אים עפעס. דער וועי־טער גייט אַוועק. ראַטאָוו גייט צו צום קאָונטער. אויף די טרעפּ באוויזט זיך מינעוויטש. אין דער זעלבער צייט קומט אַרויס פון דער טיר לוסי, מינעוויטש זעצט זיך צו נעבן שעליאָן. לוסי — נעבן מינעוויטשן).

פ ר ו י א י ן פ ו ט ע ר: (צום מאן אין צילינדער) נו, וואס האסטו מיך געבראכט אַהערצו, וואס?

מ א ן א י ן צ י ל י נ ד ע ר: מיין טייערע, זעסט דען ניט? אַזעלכע טשודנע מענטשן דא. איך האָב גע־הערט וועגן דעם פלאץ, האָב איך געוואלט אַ קוק טאָן אויף זיי. אַזעלכע מאָדנע טיפּן! אַ מעשוגאָים־הויז, כ׳לעבן, אַ מעשוגאָים־הויז...

פ ר ו י א י ן פ ו ט ע ר: טיפּן? האסט נאך ניט גע־זען אַזעלכע טיפּן? האָסט שוין פאַרגעסן דיין טאַטן, און דיין זיידן, און זיך אַליין, איידער כ׳האב געמאכט פון דיר אַ מענטש. טיפּן!

ג י ל ד א: ס׳איז מיר טרויעריק היינט.מאכט מיר פריילאך

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט י אָ ר: אַ סימן פון אַן עמעסער קינסטלערין. דער טרויער. וואס איר דריקט אויס אין אייער ראָל, גייט מיט אייך נאך אין לעבן.

ג י ל ד א: ניין, ס׳איז ניט עמעס. מ׳קאָן ניט שפּילן דיזעלבע ראָל פּופציק מאָל און פילן עמעסען טרויער אַלע

פופציק מאל. מיר ווייסן דאך, אַז ס'איז אַ ליגן. אין לעבן איז אַנדערש. אין לעבן ווייסט איר ניט אַפילע וואו דער טרויער ליגט. אָט טוט אַ קוק, לאָמיר זאגן, דא אין דער „קרעטשמע". וואס ווייסן מיר, וואס עס טוט זיך אין הארצן ביי דעם און ביי יענעם, און ביים דריטן און ביים פערטן. זיי טראגן אין זיך עפשער מער טרויער, ווי ס'איז דא אין מיין ראל און קיינער זעט ניט, און קיינער ווייסט ניט. זיי שפילן ניט, און אַקטיאָרעווען ניט, ווי מיר, און רייבן ניט קיין ציבעלעס ווי איך. אַך, אַך, אַך . . . איך שפיל, און קוק אויף די מענטשן און טראכט: ס'איז דאך אַ ליגן אַלעס . . . אַ ליגן!

ד ע ר א י ן ש ו ו א ר צ ן: ניט עמעס, שוועסטער, ניט עמעס זיי שפילן אויך. אַלע שפילן. אַלע זענען זיי אַקטיאָרן און ווייסן עס ניט. אָט, זעסט אָט דעם קאָסטאָ־מער פעדלער, וואס רעדט אַזוי קלוג צו זיין עהרלאכן ברו־דער און גיט אים לעקציעס ווי צו פארקויפן? אָט, ער, זאג איך דיר, איז אַ גרעסערער אַקטיאָר ווי דו, אַן עכ־טער אַקטיאָר. ער רייבט ניט קיין ציבעלעס, ווי דו זאגסט, מ'זאל וויינען. ער רייבט זיי אַריין זיין קונסט פון פאר־קויפן. ער שפילט. ער בלאָפט און זיי גלויבן. און ווען אָט דער בלאָנדער, וואס זיצט דאָרט, קנאַקט רוסיש, שפילט ער אזוי גוט, אז ער פארבלאָפט זיך אַליין, מיינענדיק, אז רעדנדיק רוסיש איז ער אַן אַנדערער, אַ בעסערער און שענערער, ווי אַ אידישער בלאָנדער. אַלע שפילן זיי, שוועסטער, אַלע! ווי זאגט עס דער מייסטער קיבעצער און ציניקער שעקספיר?

All the world's a stage and all the men and women merely players — — .. ..

ג י ל ד א: אַך, אַך, אַך, — —

ט א ב א ק: (הויבט זיך אויף, און גייט צו צו גילדאן, הויבט אויף אַקטיאָריש דעם הוט, פאַרנויגט זיך ריטער־לאַך) מיין רעספעקט, פרימאַדאָנא גילדא.

ג י ל ד א : זיי געגריסט, מעפיסטאָ.

ט א ב א ק : הא, מעפיסטאָ?! דו קאָמפּלימענטירסט מיך, לילית.

ג י ל ד א : הא, לילית?

ט א ב א ק : אויב איך — מעפיסטא, ביסטו לילית.

ג י ל ד א : (שמייכלט) פאַרפירסט נאָך אַלץ ריינע נשאָמעס, מעפיסטא?

ט א ב א ק : מיין אַמביציע איז די גרויסע לילית אַליין — די פרימאַדאָנא גילדא.

ג י ל ד א : אום צו באַזיגן די פרימאַדאָנא גילדא, דאַרף מען האָבן אַ שאַרפערע שווערד, ווי דיינע. דיין צונג איז ניט שאַרף גענוג.

ט א ב א ק : מיר וואונדערט, וואָס דו רעדסט פון באַזיגן. „באַזיגן" — ס'איז ניט דאָס וואָרט. וואָרים איך ווייס, אַז וועגן דער אַלמעכטיקער קראַפט, וואָס ציט צו באַהעפטן זיך, דענקסטו ניט אין זין פון זיגן. דו ווילסט ניט און דו קאָנסט ניט זיין די טיפּישע פאַרשטייערין פון שוואַכערן געשלעכט, וואָס וואַרט אויף איר באַשערטן, וואָס דאַרף קומען נעמען זי, באַזיגן, און אין דערזעלבער צייט פאַלן אַ באַזיגטער. ביי אונדז דאַרף זיין: באַהעפט מיט איין געדאַנק, איין באַגער, וואָס זאָל אונדז ביידן דורכנעמען, ווי אַ בליץ.

ג י ל ד א : אַך, אַך, אַך — דו בלאַפסט, ווי אויפריכטיק דו ביסט ניט. מיט די ווערטער דיינע צילסטו פאַרט צו זיין דער זיגער. (טעאַטראַליש) אין דיינע ווערטער, מאַן, איז דיין קראַפט. מיך האָט אָבער די נאַטור באַשאָנקען מיט ביטרעקייט, מיט אַלע מיטלען פאַר רייץ און שפּיל; מיט ערנסטקייט און לייכטזיניקייט, מיט געטריישאַפט און פאַלשקייט, מיט מוטערלאַכקייט און אויסגעלאַסנקייט.

איך וועק נייגעריקייט, און לוסט, און גלוסט, ליבע, האַס, משוגאַאַס, און שטעל דאָס אַלעס אַרויס אויף דעם וועג פון אַ מאַן, עס זאָל אים ניט אָנקומען אַזוי לייכט דער זיג. פאַר דעם שוואַכערן דאַרף איך ניט קיין וואָפן — פאַר דיר שטיי איך אָנגעגרייט מיט מיין גאַנצן אַרסענאַל. און מיין שטאַרקסטער וואָפן, האָט מיר די מאַמע־נאַטור גע־זאָגט, איז די ווייבלאַכקייט. כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! דאָס ,מעפּיס־טא, איז פון מיין ראָל. ווי געפעלט עס דיר?

ט א ב א ק: (נעמט זי אַרום און קושט זי ליידנשאַפט־לאַך. זי קעמפט, באַפרייט זיך און גיט אים אַ פּאַטש).

ג י ל ד א: מאַכסט אַטאַעס. פיזישע ברוטאַליטעט איז ווי אַ שווערער שטיין, וואָס פאַלט און ווערט אַליין צע־שמעטערט. דו האָסט פאַרשפּילט.

ט א ב א ק: ניין, כ׳האָב ניט פאַרשפּילט. די שפּיל — זי הויבט זיך אָן.

(זעצט זיך נעבן איר).

ג י ל ד א: (די אויגן צאַרנדיק, אויף די ליפּן אָבער שלענגלט זיך אַ שמייכל) וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי קושן?

ט א ב א ק: אויף פרויענשע ליפּן, פאַרשטייט זיך.

ד ע ר א י ן ש ו ו א ר צ ן: פאַר יעדן הונט געפינט זיך אַ גוטער שטעקן, כע־כע! געזען, געהערט?

ד ע ר א י ן ג ר ו י ע ן: געזען און געהערט. עראָסעס מאכינאַציעס.

ד ע ר א י ן ש ו ו א ר צ ן: עס פּאַסט זיך דאָך אַריין אין דיין באַגריף: אי—לו—זיע! די אילוזיע פון שפּיל. „זיגן און פאַלן באַזיגט״, כע־כע! דאָס וואָס ס׳איז צווישן זיי פאַרגעקומען, איז עפּשער אויך געווען אילוזיע? מיר האָבן איידעס, מענטשן...

ד ע ר א י ן ג ר ו י ע ן: מענטשן? ניין. זיי זענען געווען אַליין. רעלאַטיוו זענען געליבטע צווישן מענטשן, מערסטנס אַליין.

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן: אָ, איצט „רעלאַטיוו" שוין, הער איינשטיין? איז רעלאַטיוויטעט אויך אַ סינאָ־נים פון אילוזיע?

ד ע ר א י ן ג ר ו י ע ן: יאָ, אילוזיע.

ד ע ר א י ן ש וו א ר צ ן: נו, וועלן מיר זיך ניט שפּאַרן. אילוזיע — זאָל זיין אילוזיע. אָבער אויף איין פּונקט זענען מיר דאָך איינשטימיק: זיי שפּילן קריגע־ריש און דאָך זענען זיי פאַרליבט. וואָלט איך געוואָלט וויסן, הערר פּראָפעסאָר, צו וואָס דאַרף דער אַלמעכטי־קער עראָס מאַכן אַזאַ מיש־מאַש אין די אַמורישע ביזנ־נעס? צו וואָס אַזאַ פאַרפּלאָנטערטקייט? איז דער מאַלער פאַרליבט אין איר און זי אין אים, איז אַדיע! מאַך אַ סאָף! נעם זיי אַדורך מיט אַ בליק, פאַראייניק זיי, מאַך זיי חתונה, פאַרפייניק זיי מיטן פאַרהייראַטן לעבן און אַ סאָף, און אַן עק! און אַזוי — אָט, טו אַ קוק: נומער איינס — גילדאַ. דער מאַלער טאַבאַק איז פאַרליבט אין איר. קומט שעליאַ און איז פאַרליבט אין אים; קומט דער דיכטער ראַניטש און דער דירעקטאָר מינעוויטש און זיי זענען ביידע פאַרליבט אין שעליאַן; קומט לוסי און איז פאַר־ליבט אין דירעקטאָר; קומט ראַטאַוו און איז פאַרליבט אין לוסין — אַ? ווי געפעלט עס דיר? כע! ווי זאַגסטו — עראָסעס מאַכינאַציעס.

(טאַבאַק רופט מיט דער האַנט שעליאַן זי זאָל צוקו־מען. זי הייבט זיך אויף און גייט צו צו אים).

ט א ב א ק: (נעמט זי אַרום, ווענדט זיך צו די אַרו־מיקע) נו, ווי געפעלט אייך אונדזער שעלקאַ? זי גייט דאָך

שפּילן די הויפּט ראָל אין די „זינדיקע טעכטער" ביי מי־נעוויטשן.

ג י ל ד א : (מאַכט אַ פאַרוואונדערט פּנים, דער כויזעק קוקט אָבער אַרויס פון אירע אויגן). אַזוי ?! אַך, ווי אינ־טערעסאַנט! אַ נייער שטערן, הייסט עס, באַווייזט זיך אויף דעם הימל פון אונדזער שטעטל!

ט אַ ב אַ ק : אַ שטערן, וואָס וועט עפּשער מיט דער צייט פאַרטונקלען אַלע איבעריקע שטערן. טו אַ קוק, גיל־דא, טו אַ קוק אויף דער מיידל. קוק, ווי שיין. קוק, ווי זי האַלט דעם קאָפּ. און אירע האָר, אירע אויגן, אירע פּיס, אירע . . .

ש ע ל י א : אַך, טאבאק, הערט אויף!

ג י ל ד א : אַ סך שטערן ווערן אויסגעלאָשן, איידער זיי ווערן געבוירן.

ש ע ל י א : יאָ, אָבער די מערסטע שטערן, וואָס מיר זעען איצט, זענען שוין פון לאַנג אויסגעלאָשן. עס איז בלויז זייער אַמאָליקע שיין, וואָס דערגרייכט צו אונדז. און עס נעמט אַזוי פיל צייט, ביז די שיין דערגרייכט.

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן : געהערט? די פּיסלאַך אירע זענען געזונט און שטאַרק. זי טוט אַ גוטן בריק, די קליינע.

ג י ל ד א : (צו שעליאן, מיט אַ וואונק) נו, איך גלויב, אַז מיט מינעוויטשעס הילף וועט איר זיך ענטוויקלען ווי עס באַדאַרף צו זיין. ביי אים ווערן שטערן שנעל . . . אויס־געוואַקסן, כאַ־כאַ־כאַ!

ש ע ל י א : אַך! אַך!

ט א ב א ק : שעלקא, שעלקא, זיי אַ ספּאָרט! לערן זיך צו נעמען. ס'איז אַלעס אין דער שפּיל. און, אַז גילדא זאָגט עס, ווייסט זי דאָך, מיסטאָמע.

ג י ל ד א : (צו טאבאקן) כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז די ביסט אַזאַ וואונדערבאַרער אַדוואָקאַט.

ט א ב א ק : אַן אַדוואָקאַט? אָ, ניין. בלויז אַ קיבעצער. (שעליא וואַרפט גילדאַן אַ פאַרניכטנדן בליק און גייט צוריק צו איר פלאַץ).

ט א ב א ק : זי איז אַזוי שלאַנק, מאַגנעטיש — איך וועל זי מאָלן.

ג י ל ד א : אה?! נו, איך ווינטש אייך גליק. (פאַרציט בייז איר סיגאַרעט).

צ ווײ ט ע ר אַ ק ט י אָ ר : הערט, כעוורע! דעם וויץ האָט איר געהערט? אַ מאַן איז געקומען אין האָספיטאַל מאַכן זיך אַן אָפּעראַציע. לעגט ער זיך אַזוי אַוועק אַ ציטערדיקער אויפן טיש און טוט אַ זאָג צום דאָקטאָר, וואָס דאַרף אים אָפּערירן: דאָקטאָר, איך בין דערשראָקן צום טויט... דאָס איז מיין ערשטע אָפּעראַציע... עס וואונדערט מיך ניט, ענטפערט אים דער דאָקטאָר, ס׳איז דאָך אויך מיין ערשטע אָפּעראַציע... די ערשטע אָפּעראַציע, כאַ־כאַ־כאַ! און דעם האָט איר געהערט? אַ דינסטמיידל לויפט אַריין צו דער באַלעבאָסטע: אוי, באַלעבאָסטע לעבן! צוויי מענער זענען געשטאַנען אונטערן פענצטער, ווען איר האָט זיך אויסגעטאָן צו גיין שלאָפן. דאָס איז גאָרניט, ענטפערט איר די אַלעבאָסטע, האָסט געמעגט זען וואָס פאַר אַן אוילעם עס פלעגט שטיין, ווען איך בין אינגער געווען. כאַ־כאַ־כאַ!

ד ע ר א י ן ש וו א ר צ ן : פאַראַן מענטשן וואָס לעבן אָפּ זייער לעבן מיט אַ וויץ. די קלוגע כעוורע.

(ראַטאוו שטעלט אַן די ראַדיאָ. עס דערהערט זיך די מוזיק פון אַן אָריענטאַלישן מאָטיוו).

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט י אָ ר : זינאַ, זינקא, טאַנץ אַביסל פאַר אונדז!

צ ו ו יי ט ע ר אַ ק ט י אָ ר: (שרייט) זינא! מיר ווילן זינאַן!

(דער אוילעסם כאַפּט אונטער, הויבט אָן אַפּלאַדירן און שרייען: זינא! זינא! זינא הויבט זיך אויף, גייט אַרויס אינדערמיט, וויקלט זיך איין אין איר קאָלירטן שאַל און טאַנצט מיט רייץ אַ טאַנץ פון צניעס און טאַיווע, טאַנצט אָפּ, פאַרנויגט זי זיך און גייט צוריק אויף איר פּלאַץ. דער עולם אַפּלאַדירט. עס ווערט ווידער פריילאַך אַרום. מ׳עסט און מ׳טרינקט. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ געלעכטער און אויסגעשרייען).

א יי נ ע ר פ ו ן א ו י ל ע ם: זי טאַנצט גוט, זינא, זייער גוט. ווען דו זעסט זי אָבער אויף דער בינע, אין דער ריכטיקער ליכט — — — אָ, באָי!

צ ו ו יי ט ע ר פ ו ן א ו י ל ע ם: אויב דו ווילסט זען אַ פרוי אין איר ריכטיקער ליכט — לעש אויס די ליכט, כאַ־כאַ!

(די מוזיק שפּילט נאָך אַלץ. לוסי, ווי אין אַ שטימונג פון פאַרצווייפלונג און הפקירעס, רוקט זיך אַרויס אינ־דערמיט און הויבט אָן טאַנצן, אימיטירנדיק זינאַן. ס׳איז אָבער ניטאָ די יוגנטלאַכקייט און בויגעוודיקייט אין איר טאַנץ. עמיצער צעלאַכט זיך; עמיצער טוט אַ שריי: בו־ו־ו! ראַטאָוו שטעלט אָפּ מיטאַמאָל די מוזיק און לוסי בלייבט שטיין אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, אַ פאַרעלטערטע און ענטוישטע. גייט צוריק צו איר פּלאַץ. לייגט אַוועק איר קאָפּ אויף מינעוויטשעס אַקסל. ער רוקט זיך אָבער אָפּ).

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן: אַך, אַך, אַך — — — עס ווילט זיך ניט אונטערגבן זיך. עס ווילט זיך ניט קאַפּי־טולירן, כאָטש די אָדערן אויף די פיס זענען שוין פאַר־האַרטעוועט, און דער רוקן בויגט זיך שוין ניט מער, און די עלטער — אַך, די עלטער! זי שטאַמלט מיטן פּוסטן מויל: געננוג... גענוג...

(ביי די טישלאַך אַרום, וואו די אַקטיאָרן זיצן, דערהערט זיך: גילדאַ! בראַוואָ! גילדאַ! עס ברעכן אויס אַפּלאָדיס מענטן. גילדא הויבט זיך אויף, פאַרנויגט זיך און שמייכלט מאַיעסטעטיש. ווייזט מיט דער האַנט, אַז זי איז מיד און קאָן ניט דערפילן זייער פאַרלאַנג).

ד י מ יי ד ל: (צום יונגנמאַן:) **נעם דיין פידל און שפיל אַביסל, יאָ?**

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: דאָ?

ד י מ יי ד ל: פאַרוואָס ניט? זעסט דאָך: אַלע — מענטשן — פריינט — שפיל.

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: (נעמט דעם פידל) **פאַר דיר וועל איך, פאַר דיר. וואָס זאָל איך שפּילן?**

ד י מ יי ד ל: שפּיל „ציגיינערוויזע".

(ער הויבט אָן שפילן. ראַטאָוו מאַכט טונקעלער. אין דער האַלב־טונקלקייט צעגיסט זיך די מוזיק מיט צויבער־טענער. זי פאַרטראַגט און פאַרשלעפּט די מענטשן אין זיסן פיין. ס'איז שטיל, יעדער שטיל, נאָר דאָ און דאָרטן הערט זיך אַ שטילער זיפץ. אָבער ווען דאָס שפּילן האַלט שוין ביים סאָף, כאַפּט די מיידל פּלוצים אַ באַקאַל מיט ווייַ און שפּרינגט אויף).

ד י מ יי ד ל: צום לעבן! צום לעבן! אַך — אַך — אַך — כאַ־כאַ־כאַ . . .

(זי צעלאַכט זיך היסטעריש און פאַלט אַריין אין אַ ביי־טערן, האַפּנונגסלאָזן געוויין. פאַלט מיטן קאָפּ אויפן טיש).

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: (מיט טרערן אין דער שטי־מע) **שאַ — שאַ— שאַ — טייערע . . .**

ע ל ט ע ר ע ר ב ר ו ד ע ר: (הויבט זיך אויף) נו,

גענוג, לאָמיר גיין. גענוג דאָ זיצן צווישן די קאָמעדיאַנ־שטשיקעס. קום.

(לאָזט זיך מיטן אינגערן ברודער צום אַרויסגאַנג. פון דער ראַדיאָ דערהערט זיך אַ מאַרש. ראַטאָוו שטעלט זיך אַוועק ביים רעדזשיסטער. די ברידער גייען צו. דער על־טערער באַצאָלט און זיי גייען אַרויס. נאָך זיי קומען צו דער מאַן אין צילינדער און זיין פרוי, דערנאָך די פיר יונגעלייט און אַזוי אַרום גייען דורך קימאַט אַלע, איינער נאָכן צווייטן).

ג י ל ד א : (אין דער באַגלייטונג פון די אַקטיאָרן, בלייבט שטיין נעבן ראַטאָוון). **אַ גוטע נאַכט, ראַטאָוו. ס׳איז טרויעריק אויף דער נעשאָמע — אָבער פאָרט אַזוי גוט צו לעבן און שפּילן.**

ר א ט אָ ו : יאָ, יאָ, גילדא, דאָס לעבן איז ווי דאָס ליד, וואָס מיר האָבן געזונגען. ס׳איז, דוכט זיך, געווען אַזוי טרויעריק און דאָך פריילאַך. ס׳איז, דוכט זיך, געווען אַזוי פריילאַך, און דאָך האָבן גערונען טרערן.

ג י ל ד א : יאָ, יאָ . . . אַ גוטע נאַכט.

ר א ט אָ ו : אַ גוטע נאַכט.

(גילדא, אין דער באַגלייטונג פון די אַקטיאָרן, גייט אַרויס).

ד ע ר ב ל אָ נ ד ע ר : דאָסווידאַניע, גאָלובטשיק. אַ קוטשער, סוקין סין, טאַק אי ניע פרישאָל . . .

ר א ט אָ ו : דאָסווידאַניע, דאָסווידאַניע.

(מינעוויטש און שלעיא שטייען אין אַ ווינקל. שעליא נאָך אַלץ מיט דער ראָל אין די הענט. דריקט זי צו דער ברוסט. מינעוויטש עסט זי מיט די אויגן).

מ י נ ע װ י ט ש: קום, שעליא, װעסט גײן מיט מיר אַביסל שפּאַצירן?

ש ע ל י א: װאוהין?

מ י נ ע װ י ט ש: דו װעסט מיך צופירן אַהײם, דער־נאָך װעל איך דיך פירן.

ש ע ל י א: ס'איז שױן אַזױ שפּעט, אָדער ריכטיקער—אַזױ פרי. ס'איז דאָך שױן פאַרטאָג קימאַט.

מ י נ ע װ י ט ש: ס'איז קײנמאָל נישט שפּעט און קײנמאָל נישט פרי, װען ביסט מיט מיר. די ריכטיקע צײט איז, װען ס'רופט דאָס בלוט.

ש ע ל י א: בלוט איז רױט און שרעקט.

מ י נ ע װ י ט ש: בלוט איז דער רױטער רוף, דער קוקוריקו פון דעם רױטן האָן, װאָס רופט צו אױפװאַכונג. װאַך אױף און לעב.

ש ע ל י א: ס'קלינגט װי אַ רעפּליקא פון די „זינ־דיקע טעכטער".

מ י נ ע װ י ט ש: געטראָפן.

ש ע ל י א: און דער ענטפער איז: די פינצטערניש איז מיסטיש. כ'װיל די זון — די זון װיל איך.

מ י נ ע װ י ט ש: כ'װעל זי דיר געבן. קום.

ש ע ל י א: ניט איצט.

מ י נ ע װ י ט ש: אױב אַזױ, װעל איך גײן. איך װעל אָבער שפּאַצירן דאָ ניט װײט און איך װעל װאַרטן אױף דיר. אַ גוטע נאַכט.

(מינעװיטש שטעלט זיך אָפּ אױף אַ װײלע בײם קאָנ־טער).

מ י נ ע װ י ט ש : אַ גוטע נאַכט, ראַטאַװ. אַ גוטע נאַכט, לוסי.

ר אַ ט אַ װ : אַ גוטע נאַכט. (מינעװיטש גייט אַרויס).

ש ע ל י א : (גייט צו צו דער מוטער) מאַמע, װאָס זיצסטו אַזוי טרויעריק? דו דאַרפסט זיך דאָך פרייען, װאָס איך האָב געקראָגן אַזאַ ראָל, מיין ערשטע גרויסע ראָל צו שפּילן. דערמאָן זיך, מאַמע, האָסטו זיך ניט געפרייט, װען דו ביסט געװען אַ יונגע אַקטריסע און מ׳האָט דיר צום ערשטן מאָל געגעבן דעם גרויסן שאַנס?

ל ו ס י : יאָ, כ׳האָב זיך געפרייט.

ש ע ל י א : טאָ דאַרפסטו זיך איצט אויך פרייען — פאַר מיר.

ל ו ס י : איך קאָן ניט.

ש ע ל י א : פאַרװאָס?

ל ו ס י : װייל מיין ערשטע ראָל האָב איך געקראָגן פון דיין פאָטער, און דו קריגסט דיין ערשטע ראָל פון מינעװיטשן.

ש ע ל י א : איז װאָס?

ל ו ס י : איך װאָלט ניט געװאָלט זאָלסט שפּילן אין זיין טעאַטער, און מיט אים.

ש ע ל י א : פאַרװאָס?

ל ו ס י : ער איז ניט עהרלאַך.

ש ע ל י א : ניט עהרלאַך? אָט האָט ער דאָך מיר צו־גזאָגט די ראָל און ער האָט זי מיר געגעבן.

ל ו ס י : מיר האָט ער אויך צוגעזאָגט דיזעלבע ראָל.

ש ע ל י א : אָבער, מאַמע, דו — — —

ל ו ס י : נו, זאָג, פאַרענדיק. זאָג, ווי ער האָט געזאָגט. זאָג, אַז איך בין שוין צו אַלט פאַר דער ראָל, אַז עס פּאַסט שוין ניט פאַר מיר, אַז איך בין שוין אויסגעשפּילט — — שוין! אויס! ווי דיין טאַטע — — —

ש ע ל י א : מאַמע, ביסט ניט אויסגעשפּילט, אָבער אַזאַ ראָל — — —

ל ו ס י : אַך, שעליא, דו פאַרשטייסט ניט. ס'איז ניט נאָר די ראָל אויף דער בינע, ס'איז אויך די ראָל אין לעבן. ס'איז שרעקלאַך! גרויזאַם!

ש ע ל י א : ניין, מאַמע, ס'איז ניט שרעקלאַך און ניט גרויזאַם, ווייל איך בין דאָך — דו. אַלע זאָגן דאָך, אַז איך קוק אויס פּונקט ווי דו, ווען ביסט געווען יונג. נו, ווען דו וועסט מיך זען אין דער ראָל, וועסטו ווידער זען זיך וועסטו ווידער קוקן אויף דיין אייגענער יוגנט, וואָס איז צוריקגעקומען; וועסטו ווידער איבערלעבן יענע פרייד — — —

ל ו ס י : די יוגנט קומט קיינמאָל ניט צוריק. אפילע ניט אין דעם געשטאַלט פון קינדער. מיט דער עלטער דאַרף מען קעמפן. מ'דאַרף איינהאַלטן די יאָרן. גיב אים צוריק די ראָג, שעליא.

ש ע ל י א : איך קאָן ניט, מאַמע.

ל ו ס י : גיב צוריק די ראָל, זאָג איך . . .

ש ע ל י א : איך וועל ניט געבן, מאַמע . . . ס'איז מיין ערשטער שאַנס, ס'איז דער אויפגאַנג פון מיין זון, פון מיין דערפאָלג . . .

ל ו ס י : ס'איז ניט די ריכטיקע זון, שעליא. ס'איז אַ קינסטלאַכע זון, וואָס וועט ניט וואַרעמען. ס'איז אַ זון, ווי מיר ווייזן זי אויף דער בינע, פון גאָלדענעם פּאַפּיר,

מיט קינסטלאַכער ליכט באַלויכטן. אַ זון, וואָס מ׳קאָן קויפן פאַר אַ סענט. גיב אים אָפּ די ראָל, שעליא. דיין צייט וועט נאָך קומען.

ש ע ל י א: איך וועל ניט אָפּגעבן, מאַמע. איך וועל ניט אָפּגעבן — — — איך בין יונג, איך וויל דערפאָלג, איך וויל לעבן, איך וויל אויך פאַרעהרונג, אַפּלאָדיסמענטן!

ל ו ס י: *שעליא, איך בעט דיך — — —*

ש ע ל י א: ניין, מאַמע, ס׳איז גרויזאַם פון דיר צו פאָדערן דאָס. דו האָסט אָפּגעשפּילט דיינס — גענוג! לאָז מיך איצט שפּילן! גענוג פאַר דיר, גענוג!

ל ו ס י: (הויבט זיך אויף אַ בלייכע) **שעליא — — —**

ל ו ס י: (מיט טרערן אין דער שטימע) **אָך, מאַמע — — איך בעט דיך, ענטשולדיק. אָבער — — — אָבער — — — אָבער — — —** (קאָן נישט פאַרענדיקן און לויפט אַרויס).

ד ע ר א י ן ש וו אַ ר צ ן: אַ זון פון גאָלדענעם פּאַפּיר, אַ בוטאַפאָרישע זון. אָבער גראָדע איצט ביסטו גערעכט, מיין פריינט. ס׳איז די אילוזיע, וואָס מאַכט אָט די זון פלאַקערן און ברענען. און די יוגנט בוקט זיך פאַר אָט דער זון.

(ראַטאַוו לעשט אויס קימאַט אַלע ליכט, נאָר איין לעמפּל וואַרפט אַ ליכטיק־בלוילאַכע שיין. דער אין שוואַרצן און דער אין גרויען ווערן ווי צעגאַנגען אין דער טונקלקייט. לוסי זיצט ביים טיש אומבאַוועגלאָך און פאַרשטאַרצט. פאַרהילט אין רויך פון זיין ליולקע זיצט טאַבאַק ביי זיין טיש. אויפן פּנים אַ שמייכל, וואָס ווערט מאָמענטנווייז באַלויכטן פון פייער אין דער ליולקע.

ברענער זיצט נאָך אַלץ אַליין ביים טישל, וואו ער איז געזעסן, און לייענט אַ בוך. און ווען ער הויבט זיך ענדלאַך

אויף צו גיין, הויבט זיך אויף אויך טאבאק און זיי באַ־
געגענען זיך ביי די טרעפּ).

ט א ב א ק : ס׳איז צייט צו גיין, מיין פריינט. עס טאָגט
שוין באַלד.

ב ר ע נ ע ר : יאָ, ס׳איז צייט צו גיין און צייט צו
רוען. גיב דער נאַכט, וואָס עס געהערט צו דער נאַכט,
און גיב דעם טאָג, וואָס עס געהערט צום טאָג.

ט אָ ב אָ ק : פּראַכטפול! קלוג געזאָגט, אַפילע ווען
ס׳איז אַ פּאַראַפראַזע פון דעם, וואָס דער גרויסער טרוי־
מער האָט געזאָגט. אָבער אַזוי איז עס, און אַזוי דאַרף עס
זיין אין לעבן. גיב דעם טאָג, וואָס עס קומט דעם טאָג,
און גיב דער נאַכט, וואָס עס געהערט צו דער נאַכט. איך
מוז אָבער צוגעבן עפּעס צו דעם: וואָס טוט מען, ווען די
מענטשן האָבן פאַרטוישט איצט טאָג אויף נאַכט, און נאַכט
אויף טאָג, און וויסן שוין ניט וואָס איז וואָס און ווען
איז ווען?

ב ר ע נ ע ר : נאַכט איז שוואַרץ און טאָג איז ליכטיק
— מ׳קאָן זיי דערקענען, אפילו פאַרטוישטערהייט. די
זון גייט אויף יעדן טאָג, אַפילע ווען זי איז הינטער שווע־
רע וואָלקנס. אָבער אַ זון איז דאָך פאַראַן!

ט א ב א ק : און עפשער אילוזיע גאָר? עפשער? אַה?
כאַ־כאַ־כאַ! אפשר איז די זון דיינע אַ פּאַפּירענע גאָר און
מ׳קאָן זי אויך אָפּקויפן פאַר אַ גראָשן? אַך, מיין ליבער
פריינט, דאָס לעבן איז אַ שפּיל און ס׳איז פאַרשפּילט,
ווי עס זאָל ניט זיין געשפּילט!

ב ר ע נ ע ר : מיין גלויבן איז מיין זון.

ט א ב א ק : נו, גוט, מיין אייביקער אָפּטימיסט, לאָ־
מיר גיין. דו ווייסט דאָך: גוטס און שלעכטס גייען היינט
האַנט אין האַנט. קום.

(זיי גייען אַרויס. עס בלייבן נאָר לוסי און ראַטאָוו. לוסי זיצט ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. ראַטאָוו גייט צו צו איר, קוקט אויף איר מילד, טוט אַ גלעט איר קאָפּ).

ר א ט אָ ו : נו, וואָס זיצסטו אַזוי טרויעריק, וואָס? וואָס זוכסטו עפּעס אין די טרוימען, ווען מיר האָבן שוין ניט וואָס צו זוכן? טרוימען, מיין פריינט, געהערן צו דער צוקונפט. און פאַר אונדז איז שוין די צוקונפט אָפּגעהאַקט. דאַרפן מיר מאַכן אונדזער וועג צוריק — צו דער פאַר־גאַנגענהייט. און די פאַרגאַנגענהייט איז דאָך געווען אַזאַ ליטכיקע, אַזאַ גוטע, דאַרפן מיר גיין צוריק צו איר אין די זיכרוינעס און מיר וועלן נאָך געפינען אין זיי אַזוי פיל גליק, אַזוי פיל גליק — — —

(לוסי צעכליפּעט זיך. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויפן טיש. ראַטאָוו שטייט נאָך אַ ווילע נעבן איר, מאַכט אַ פּאָר שפּאַן, בלייבט שטיין. רעדט, ווי דערמאָנענדיק זיך).

ר אָ ט אָ ו ו : געדענקסט, לוסי, געדענקסט פּרץ'עס

אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז רעזשיסער —
ס'שטיק איז פיין —ליידער איז
דער טייפל דער סופלער.
די בודע איז — דאָס שוואַרצע האַרץ —
דער טייפל פעלשט דאָס שטיק!
און אויב מ'זאָגט אַרויס אַ גרייז,
כאַפּט מען ניט צוריק.
און מ'קאָן דען היטן זיך,
נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל?
עס איז מייסטערהאַפט דאָס שטיק,
די גרייזן — געניאַל — — —

די קרעטשמע

(בלייבט שטיין, דעם קאָפּ געבויגן. און עס דוכט זיך אים, אַז ער הערט אַפּלאָדיסמענטן. צום ערשטן שטיל, דערנאָך העכער, שטאַרקער, דונערדיקער. ער פאַרניגט זיך, ווי ער פלעגט זיך פאַרנויגן אין די יונגע יאָרן — שטייט אַ ווײַלע, דעם קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך. הויבט פּלוצים אויף די ציטערדיקע האַנט און שרייט אויס:)

פאָרהאַנג! פאָרהאַנג!!

אינהאַלט:

בטחון — — — — — — — — — — — — — — 1—30

יהודה — — — — — — — — — — — — — — 31—56

„ראַפּסאָדיא אַמעריקאַנאַ" — — — — — — — 57—86

די קרעטשמע — — — — — — — — — — — 87—144

ש. ניגער („דער טאָג״): זיין קאָרעקטע שפּראַך, זיין געשליפענער זאַץ, זיינע טעמעס און אייניקע אַנדערע סימנים ווייזן, אַז ער האָט ליטעראַרישע בילדונג. ער פאַרלאָזט זיך ניט אויף רוח הקודש. ער ווייסט וואָס ער טוט. מעג מען צו אים אויך קומען מיט פאָדערונגען.

ג. פאַמעראַנץ („פרייע אַרבעטער שטימע״): עס איז קיין שום ספק נישט, אַז מ. גיצים האָט אַכוש אויפצונעמען טיפּן. ער פאַרמאָגט אַ ליכטן הומאָר, דער סיפור־המעשה איז אינטע־רעסאַנט. עס לייענט זיך.

מ. פערלעס („טשערנאָוויצער בלעטער״): גיצים טרעט אַרויס ווי אַ גאָר פיינער דערציילער. אַלע זיינע העלדן זיינען פאַר אונדז היימישע, נישט אויסגעטראַכטע, נייערט אַלטע באַקאַנטע טיפּן.

ב. ריווקין („שיקאַגאָ״): עס איז גענוג דורכצולייענען בלויז אייניקע פון די 15 דערציילונגען, וואָס זיינען צענויפגעזאַמלט אין דעם בוך, כדי אַנצושטויסן זיך פון וועלכער שרייבער־מדינה זייער פאַרפאַסער קומט: מ. גיצים קומט פון קאָפּ־לאַנד — אַ מדינה אַזאַ, וואו די שרייבער גייען מיטן קאָפּ פאָרויס. זיי האָבן אויגן, זיי האָבן הענט, און האָבן אַ פען אין דער רעכטער צי אין דער לינקער האַנט, אָבער דער קאָפּ גייט פאָר־אויס די אויגן, דעם האַרץ, דער פען. עס איז גאָר ניט קיין שלעכטע אָפּשטאַמונג. קאָפּ־לאַנד איז זייער אַ חשובע מדינה, און מען מעג זיך יחוסן מיט איר.

.... ער איז אַ יעגער נאָך דעם אינטעלעקטועלן פּאַראַדאָקס, נאָך דער אויסערגעוויינלאַכער איבערלעבונג, נאָך דער גייסטיקער אוואַנטיורע, נאָך דער פאַנטאַזיע וואָס ווערט געמאַכט צו אמת.

אברהם רייזין („די פעדער״): מ גיצים׳ נאָוועלן צייכענען זיך איבערהויפּט אויס מיט אינטערעסאַנטע פאַבולעס, סיטואַציעס. מ. גיצים קען דערציילן. ער פאַרשטייט און פילט דעם נייעם מענטשן. אין דעם אויפפאַסן דאָס לעבן און מענטשן איז ער זעלבסטשטענדיק, טיילווייז אפילו אָריגינעל.

וועגן דעם בוך האָבן אויך געשריבן די פאָלגנדע שריפטשטעלער:

מ. באָגדאַנסקי („אויפקום״ און „אידישע וועלט״).

מ. באַרלאַם („אויפגאַנג״ — רומעניע).

י. א. גינגאָלד („מילוואָקער אידישע שטימע״).

פ. ווערניק („מאָרגן זשורנאַל״).

י. ב. מאַנדלקערן („האַוואַנער לעבן״).

יונה ספּיוואַק („שיקאַגאָ״).

„נאָוועלן״

פון מ. גיציס

(דעלוקס אויסגאַבע 256 זייטן. 15 דערציילונגען)

וואָס די קריטיק זאָגט וועגן דעם בוך:

י. באַטאַשאַנסקי („די פּרעסע״, בוענאָס איירעס): גיציס שרייבט קאָנקרעט, רירט זיך צו צו אַלע פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם און אידישן לעבן. ער ווייזט דערביי אַרויס אינטעליגענץ, קולטור אפילו. די פּראָבלעמען זיינע אים נאָענט.

י. בּרינמאַן („ווילנער טאָג״ און „שפּיגל״): זעלטן וואו מיר געפינען אפילו ביי אונדזערע יונגע שרייבער אַזוי פיל אידייאַישעם ווי ביי גיציסן. אידייען מכל המינים: אַלגעמיין פּסיכאָלאָגישע, עראָטישע, עטישע און דער עיקר — סאָציאַלע און יעטוועדע דערציילונג איז אידעאָלאָגיש שאַרף, קאָנקרעט, געדאַנקפול.

י. גלאַנץ („מעקסיקאַנער אידישע שטים״): מ. גיציס קען די אומניות פון דערציילן און דערציילן אינטערעסאַנט, אַז ס׳זאָל דעם לייענער פאַרכאַפּן און אים האַלטן געשפּאַנט ביזן סוף פון דער דערציילטער זאַך. מ. גיציס מיט זיין טעמאַטישקייט וואָרצלט אין היינטיקן לעבן. ער ברייננגט אַרויס דעם היינטיקן מענטשן אין זיין סאָציאַלער אומגעבונג.

ש. ד. זינגער („בּריקן״): אויב מען רעדט פון בעסערע לייענער, וואָס העלפן דעם שרייבער, האָבן אויך א בּיילעק אין זיין שאַפן, זענען ווי שותּפים צו אים, געלינגט גיציסן טיילווייז אָט די שותּפים־לעזער אַרויסצערופן, מיט די טעמעס זיינע אַליין, מיט דער קאָנדערסיטקייט פון זיין דערציילן, מיט דעם בּלויזן אָנווינקען אַף א געשטאַלט, ווען אפילע איר ניט געבנדיק אינגאַנצן.

ב. טוטשינסקי („דאָס פרייע וואָרט״, לאָנדאָן): מ. גיציסעם בּוך פאַרמאָגט פיל מיילעס. איינע פון די גרעסטע מיילעס איז דעם מעכאַבערס געשמאַק און פאַרשטענדניש בּא דער איינאָרדנונג פון זיינע דערציילונגען. אָט דידאָזיקע ריין טעכנישע זייט האָט א גרויסע באַדייטונג פאַרן לייענער. מ. גיציס האָט אָראַנזשירט זיינע שאַפונגען אַף אַזאַ אָרט, אַז דער אינטערעס צו אים מוז וואַקסן מיט יעדן זייטל, וועלכעס דער לייענער האָט דורכגעליינט.